STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04680

VEYS VI TSU BASHITSN ZIKH FUNEM LUFT-SOYNE

Boris Fedorovich Tramm

*Permanent preservation of this book was made possible
by David & Rae Finegood
in honor of
Atty. Finegood*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. פ. טראם

מיליטער-אינזשעניער פון 2-טן ראנג

וויים ווי צו באשיצן זיך פונעם לופט-סוינע

אָגיז

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"

מאָסקווע 1941

גרויזאמע טעג לעבט איבער אונדזער היימלאנד. די פאשיסטישע קאניבאלנ האָבנ פארהויבנ זייער בלוטיקע לאפּע איבער אונדזער לאנד. די בלוטיקע ראָצ-כימ טרוימענ וועגנ פארניכטנ די סאָוועטישע אָרדענונג, וועגנ פארשקלאפנ אונ בארויבנ דאָס סאָוועטישע פאָלק, וועגנ הערשנ איבערנ לעבנ אונ פארמעגנ פונ צוויי הונדערט מיליאָנ סאָוועטישע בירגער, וועגנ פארכאפּנ די סאָוועטישע ערד, וועגנ פארכאפּנ אונדזער ברויט, נאפט, וועגנ אופשטעלנ די מאכט פונ פּריצימ אונ קאפּיטאליסטנ.

דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק האָט זיך אופגעהויבנ צו דער גרויסער פאָ-טערלענדישער מילכאָמע קעגנ די פאשיסטישע פארכאפּער. די העראָישע רוי-טע ארמיי פארטיידיקט העלדיש, דרייסט אונ געוואגט די הייליקע גרענעצנ פונ אונדזער טײַערנ היימלאנד.

דאָס סאָוועטישע הינטערלאנד שטייט ניט אָפּ פונעמ פראָנט. דאָס גרויסע סאָוועטישע פאָלק באווײַזט וווּנדער פונ ארבעטס-פּראָדוקטיוויקײַט, דיסציפּלינ, אָרגאניזירטקײַט.

מיטנ ציל צוצוגרייטנ די ציווילע באפעלקערונג צו דער לופט-שוץ אונ כי-מישער שוץ, אונ אויכ צו אָרגאניזירנ אונ צוגרייטנ ערשטיקע פאָרמירונגענ (גרופּעס פונ זעלבשוץ) פונ אָרטיקער לופט-שוץ, האָט דער ראט פונ די פאָלקס-קאָמיסארנ פונ פססר אײַנגעפירט אלגעמיינע אָבליגאטאָרישע צוגרייטונג פונ דער גאנצער דערוואקסענער באפעלקערונג צו לופט-שוץ אונ כימישער שוץ.

די סאָוועטישע בירגער זײַנענ גרייט צו פארטיידיקנ מיט לײַב אונ לעבנ אונדזערע אָקטיאבער-דעראָבערונגענ, אונדזער גליק אונ פרייד, וואָס מיר האָבנ דערוואָרבנ פאר 24 יאָר מעסירעסנעפעשדיקער ארבעט.

יעדער איינער סאָוועטישער בירגער איז מעכויעוו צו וויסנ ווי צו באשיצנ זיכ פונעמ לופט-סוינע.

אָט דעמ ציל שטעלנ מיר פאר זיכ טאקע אינ דער דאָזיקער בראָשור.

מספרי
שלום און שפרה קרישטאַלקע
ביבליאָטעק

פראָנט אונ הינטערלאַנד

די קריגס=אָפעראַציעס, וואָס קומענ פאָר די לעצטע יאָרנ, האָבנ שוינ קלאָר באַוויזנ, וואָס פאַרא מעגלעכקײַטנ עס באַזיצט די מאָדערנע קריגס=אַוויאַציע. אַ באַזונדערס גרויסנ מאַסשטאַב אונ אויסגעשפּראָכענע פאָרמ האָבנ די לופט=אָפעראַציעס אָנגענומענ פונ האַרבסט פאָריקנ יאָר אָנ. די צאָל דײַטשישע אונ ענגלישע קריגס=אַעראָפלאַנענ, וואָס מאַכנ אָנפאַלנ איינע באַ די אַנדערע אינ הינטערלאַנד, טרעפט אָנ אינ די הונדערטער, אונ די וואָג פונ די באָמבעס, וואָס ווערנ דערבײַ אַראָפגעוואָרפנ — אינ די הונדערטער טויזנטער קילאָגראַמענ אַ מעסלעס.

די דערפאַרונג באַווײַזט, אַז די באָמבירונגס=אַוויאַציע קאָנ סײַ ברענגענ גוואַלדיקע כורבונעס סײַ צעשטערנ די נאָרמאַלע אַרבעט פונעמ הינטערלאַנד. זי פאַרשווערט די אַרבעט פונ דער אינדוסטריע, פונעמ טראַנספּאָרט, זי דעזאָרגאַניזירט דאָס לעבנ פונ די גרויסע שטעט אונ זייער באַזאָרגונג. דערמאָנט זיכ נאָר די אָפיציעלע אָנגאַבנ וועגנ דער צאָל דערהאַרגעטע צווישנ דער ציווילער באַפעלקערונג פונ ענגלאַנד אינ סענטיאַבער—דעקאַבער 1940 יאָר: דערהאַרגעט געוואָרנ זײַנענ 21.669 מאַנ, אונ פאַרווונדעט געוואָרנ — באַ 40 טויזנט מאַנ.

אַזוי אַרום, ווערט אינעמ לאַנד, וואָס האַלט מילכאָמע, אָפגעווישט דער בילעק צווישנ פראָנט אונ הינטערלאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד, אויב סע האַלט אינ דער טיפ ניט מער פונ עטלעכע טויזנט קילאָמעטער, ווערט אַ פראָנט. יעדער זאַוואָד, יעדע פאַבריק, סײַ ווענ זיי אַרבעטנ דירעקט סײַ אומדירעקט פאַר די באַדערפענישנ פונ דער לאַנדשוץ, — ווערנ זיי אַלציינס פאַרוואַנדלט אינ מיליטער=אָביעקטנ. אינ זייער עקזיסטענצ, אינ זייער נאָרמאַלער אַרבעט איז די מיליטער=קאָמאַנדשאַפט פונקט אַזוי פאַרינטערעסירט, ווי זי איז פאַרינטערע=

סירט אינ דער קריגספּייזקייט פונ א יעדנ שיסער=באטאליאָנ, פונ א יעדער ארטילעריע=באטארייע, פונ א יעדער אוויאציע=עסקאדריליע אָדער קריגס=שיפ. דער סוינע, ווידער, באטראכט יעטווידער מעטאלורגישנ זאוואָד, יעטווידער מאשינבוי=זאוואָד אָדער זאוואָד פונ נאפט=דיסטילירונג, די דאָקנ, די אייזנבאנ=קנופ=סטאנציעס, — דאָס אלצ באטראכט ער אלס אָביעקטנ, וואָס פארניכטנ זיי איז פאר אים ניט וויניקער וויכטיק ווי פארניכטנ לעבעדיקע קראפט אָדער קריגס=טעכניק.

נאָכ איינער א שטריכ, וואָס כאראקטעריזירט די פארהעלטענישנ צווישנ פראָנט אונ הינטערלאנד אינ דער איצטיקער מילכאָמע, איז דאָס, וואָס די באוואָפנטע קרעפטנ זיינענ נאָכ מער געוואָרנ אָפּהענגיק פונ דער אינדוסטריע, פונ דער גאנצער פאָלקסווירטשאפט. אונ דאָס איז זעלבסטפארשטענדלעכ: די טעכניק פונ דער ארמיי אונ פונעם פלאָט ווערט אלצ גרעסער, קאָמפּליצירטער, דער נאָכפרעג אפ איר האלט אינ איינ וואקסנ, — מע דארפ אלצ נייע אונ נייע ערָאָפּלאנענ, שיפנ, הארמאטנ, פארשיידענע קריגס=מאטעריאלנ, וואָס רעמ די צאָל סנאריאדנ, וואָס די זעניט=ארטילעריע לאָזט ארויס פאר איינ נאכט ביים אנ אינטענסיוונ לופט=אָנפאל אפ א גרויסנ אינדוסטריעלנ צענטער, טרעפט אָנ אינ די הונדערטער טויזנטער, אונ ביים אנ אָנפאל אפ אנ עסקאדרע אינ יאמ — אינ די צענדליקער טויזנטער. אלזאָ, יעדע שאָ, וואָס אנ אונטערנעמונג שטייט ליידיק, יעדער צעשעדיקטער צעכ פאלט ווי א שווערע לאסט אפ דער קריגס=עקאָנאָמיק פונעם מילכאָמע=האלטנדיקנ לאנד.

דאָס, וואָס די פראָנט=זאָנע שפּרייט זיכ אויס ווייט איבערנ לאנד אפ א מעהאלעכ פונ פיל הונדערטער קילאָמעטער, דאָס, וואָס די גרויסע אינדוסטריע=צענטערנ ווערנ פארוואנדלט אינ א ראיאָנ פונ פארביטערטע קריגס=אקציעס, — דאָס אלצ ענדערט איינגאנצנ די לעבנס=באדינגונגענ, די ארבעט=באדינגונגענ פונ הונדערטער טויזנטער, מיליאָנענ מענטשנ. סיי לויט זייערע פליכטנ סיי לויט די אומשטענדנ, אינ וועלכע עס קומט זיי אויס צו ארבעטנ מילכאָמע=צייט, ווערנ זיי קריגער פונ א קאָלאָסאלער ארמיי, וואָס שמידט דעמ ניצאָכנ פונקט אזוי, ווי סע שמידט אימ דער קריגער, וואָס שטייט אונטער דער ביקס, אָדער ווי דער טאנקיסט, וואָס פירט דעמ טאנק, אָדער ווי דער פילאָט, וואָס פירט אָנ מיט דער לופט=מאשינ.

איצט, ווענ דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק האָט זיכ אונ=

געהויבנ אפ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע קעגנ די הײַנטצײַטיקע קאניבאלנ — די פאשיסטנ, וואָס זײַנענ פארברעכעריש אָנגעפאלנ אפ אונדזער לאנד, איז פאר די אײַנוווינער פונ די שטעט אונ דערפער באזונדערס וויכטיק צו קענענ פארטיידיקנ פונ דעמ לופט־סוינע זײערע זאוואָדנ אונ קאָלווירטנ, זײערע וווינונגענ.

מיטלענ פונ א לופט־אָנפאל אונ פונ א כימישנ אָנפאל

די מאָדערנע אוויאציע איז א ביז גאָר מעכטיק מיטל פונ אָנפאלנ סײַ אפנ מיליטער סײַ אויכ אפ די באפעלקערטע פונקטנ מיט זײערע פאבריקנ, זאוואָדנ, שולנ, אײַזנבאנענ אונ וואסער־וועגנ, מיט זײער צאָלרײַכער ציווילער באפעלקערונג.

אינ דער איצטיקער מילכאָמע ווערנ שוינ אָנגעווענדט באָמבירער, וואָס הייבנ אופ ביז 2 טאָנ באָמבעס אונ דערלאנגענ מיט דער דאָזיקער מאסע אפ 1.000—1.500 קילאָמעטער די ווײַט אינ הינטערלאנד פונעמ קעגנער. די שנעלקײַט פונ די באָמבירער איז העכער 500 קילאָמעטער א שאָ, אונ די הייכ פונעמ פליענ — 8 טויזנט מעטער. נאָר בא דעמ בלײַבט דאָס ניט. די שנעלקײַט, די הייכ אונ די ווײַטקײַט פונעמ פליענ האלטנ זיכ קעסיידער אינ אײנ פארגרעסערנ.

אפ צו באָמבירנ באפעלקערטע פונקטנ — מיר זעענ דאָס פונ די צאָלרײַכע באָמבירונגענ פונ לאָנדאָנ, בערלינ אונ אנדערע ענגלישע אונ דײַטשישע שטעט — ווענדט די אוויאציע דעריקער אָנ פוגאס־באָמבעס אונ צינד־באָמבעס.

פוגאס־באָמבעס

די דאָזיקע באָמבעס זײַנענ אָנגעפילט מיט שטארקע אופרײַס־שטאָפנ. דער אופרײַס פונ א פוגאס־באָמבע ווערט באגלייט מיט א מעכטיקנ פארטויבנדיקנ הילכ; בייסנ אופרײַס בילדעט זיכ אויס א לופטשטויסכוואליע (די „אופרײַס“־כוואליע), וואָס צוליב איר אומגעהייער גרויסער שנעלקײַט באזיצט זי א גוואל־

דיקע קראפט. די אופרייס-כוואליע שלאָגט ארוים טיר און פענצטער, וואלגערט אום גאנצע ווענט פון געביידעס, הארגעט אוועק אָדער קאָנטוזיעט מענטשן,



אמעריקאנישע אוויאציע-באָמבעס פון פארשיידענער וואָג פון 10 ביז 1 800 קילאָגראַם. אויבן איז באוויזן דער שניט פון א פוגאסעווער אוויאבאָמבע (לינקס) און פון א שפליטער-אוויאבאָמבע (רעכטס). דער סטאביליזאטאָר גיט צו א שטאנד-האפטיקייט דער באָמבע, בייס זי פאלט אין דער לופט.

1. דער סטאביליזאטאָר. 2. דער אופרייסער. 3. דאָס אופרייס-שטאָף. 4. די שפליטערס.

וואָס געפינען זיך אפילע אפ א היפשן מעהאלעכ פונעם אָרט, ווו דער אופ-רייס איז פאָרגעקומען.

די אָנגעגליטע שפליטערס פון דער פוגאס-באָמבע, וואָס צעפליען זיך אין אלע זייטן, הארגענען אויך אוועק אָדער פארוואונדן מענטשן, און ווען זיי טרעפן אָן אפ מאטעריאלן, וואָס צינדן זיך לייכט אָן, קאָנען זיי ארויסרופן סרייפעס.

אפנ אָרט, ווו די פוגאַס⸗באָמבע רײַסט זיכ אופ, פאַרבלײַבט א טיפע גרוב.

אויב די פוגאַס⸗באָמבע טרעפט אינ א געבײַדע, קאָנ זי דורכשלאָגנ א רײ באַלקעס צווישנ די שטאָקנ אונ, אופרײַסנדיק זיכ אינוויינ‌יק אינ דער געבײַדע, אָנמאַכנ א גוואַלדיקנ כורבנ. פונעמ אופרײַס פאַלנ אומ ווענט אונ דעכער, אונ די ברוכשטיקער פליִענ אינ פאַרשיידענע זײַטנ, פאַרוואַלגערנדיק די גאַסנ אונ הויפנ אזוי, אז סע ווערט אומעגלעכ דורכצוגיינ אָדער דורכצופאָרנ איבער זיי. אונטער די ברוכשטיקער בלײַבנ איבער מענטשנ, אונ מע דאַרפ זיי געבנ הילפ. פאַנאַנדערשאַרנ די קופעס ברוכ קומט אויס מיט די הענט, פאָרזיכטיק, קעדיי ניט צו דערשטיקנ די פאַרוווּנדעטע, וואָס ליגנ אונטער די ברוכשטיקער.

די קראַפט פונ א פוגאַס⸗באָמבע קאָנ מענ זענ פונ פאָלגנדיקנ בײַשפּיל: אינ לאָנדאָנ זײַנענ מיטנ אופרײַס פונ אזא באָמבע אומגעוואַלגערט געוואָרנ געבײַדעס, וואָס די ווענט זייערע האָבנ געהאַלטנ קימאַט א מעטער די גרעב, אונ 30 איינשטאָקיקע הילצערנע הײַזער זײַנענ אינגאַנצנ כאָרעוו געוואָרנ.

א סאַכ פוגאַס⸗באָמבעס רײַסנ זיכ באַמ פאַלנ ניט אופ. דאָס זײַנענ באָמבעס מיט אנ אולטראַ⸗פאַרלאַנגזאַמטער ווירקונג. זיי רײַסנ זיכ אופ ערשט אינ א געוויסער צײַט ארומ נאָכ דעמ, ווי זיי טרעפנ אינ א געבײַדע, אָדער נאָכנ פאַלנ אפ דער ערד. צוגיינ צו זיי טאָר מענ בעשום אויפנ ניט. מיטנ פאַנאַנדערלאָדנ די דאָזיקע באָמבעס מעגנ זיכ פאַרנעמענ בלויז די ספּעציִעלע קאָמאַנדעס פונ „פּוואָ“.

די קאַליברענ — די גרייס — פונ די פוגאַס⸗באָמבעס זײַנענ פאַרשיידענע. אמערסטנ זײַנענ פאַרשפּרייט באָמבעס, וואָס וועגנ פונ 50 ביז 1.000 קילאָגראַמ; אינ באַזונדערע פאַלנ דערגרייכט די וואָג פונ די באָמבעס אפילע ביז 1.800 קילאָגראַמ.

די לעצטע צײַט האָבנ זיכ באַוויזנ אזויגערופענע וואָיענדיקע באָמבעס. דאָס זײַנענ געוויינלעכע פוגאַס⸗באָמבעס, צו וועלכע עס זײַנענ צוגעפעסטיקט קליינע סירענעס. פאַלנדיק מיט א גרויסער שנעלקײַט, לאָזט די באָמבע פונ זיכ ארויס א שאַרפנ קלאַנג. וואָס נעענטער צו דער ערד, ווערט דער געוואָי אלץ העכער, אונ עס שאַפט זיכ דער אײַנדרוק, אז עס פאַלט א באָמבע פונ א מוירעדיקער צעשטערונגס⸗קראַפט.

דער ציל, וואָס מע וויל זיכ דערשלאָגנ מיט די דאָזיקע באָמבעס, איז קלאָר: אכוצ וואָס זיי טוענ אָנ כורבונעס, דארפנ זיי נאָכ דעמאָראליזירנ די ציווילע באפעלקערונג אָדער דאָס מיליטער, אונטעררײַסנ וואָס מער זייער מאָ=ראלישנ צושטאנד.

צינד־באָמבעס

די אוויאציאָנעלע צינד=באָמבעס האָבנ אינ דער איצטיקער מילכאָמע גע=פונענ די ברייטסטע אָנווענדונג.

זיי וועגנ ניט קיינ סאכ (געוויינלעכ א 2—5 קילאָגראמ), און דער באָמ=ביר=אעראָפלאנ קאָנ זיי אופהייבנ פאראמאָל א גרויסע צאָל. אינ די פונקטנ, ווו די דאָזיקע באָמבעס פאלנ, שאפנ זיי אָנ א שיר סרייפע=נעסטנ, און אפ צו לעשנ די סרייפעס פאָדערט זיכ זייער פיל מי פונ טויזנטער פײַערלעשער און ציווילע בירגער.

די צינד=באָמבעס זײַנענ אָנגעפילט מיט פארשיידענע אָנצינדונגס=שטאָפנ, וואָס קאָנענ אנטוויקלענ א הויכע טעמפעראטור (צומ בײַשפיל, טערמיט, עלעקטראָנ און א ריי אנדערע שטאָפנ אנטוויקלענ א טעמפעראטור ביז 3.000 גראדוס לויט צעלסי), בא וועלכער עס שמעלצט זיכ אפילע אײַזנ.

אינ די אוויאציאָנעלע צינד=באָמבעס ווערנ אויכ אָנגעווענדט פארשיידענע ברענ=פליסיקײַטנ און הארטע ברענ=שטאָפנ, צומ בײַשפיל, געלער פאָספאָר; אז דער פרײַער לופט צינדט ער זיכ פונ זיכ אליינ אָנ און צינדט אונטער די ברענ=מאטעריאלנ, וואָס ארומ אימ.

ווענ אזא צינד=באָמבע, ניט קיינ גרויסע, טרעפט אינ א געבײַדע, שלאָגט זי געוויינלעכ דורכ דעמ דאכ און צינדט אָנ דעמ בוידעמ. אויב אָבער די באָמבע האָט א פארהעלטענישמעסיק היפשע וואָג (10 קילאָגראמ און מער), קאָנ זי דורכשלאָגנ ניט נאָר דעמ בוידעמ, נאָר אויכ די באלקעס צווישנ די שטאָקנ, ארײַנדרינגענ אינווייניק אינ דער געבײַדע, דאָרט זיכ אופרײַסנ און ארויסרופנ א סרייפע.

א געוויינלעכע קליינע צינד=באָמבע ברענט אינ פארלויפ פונ 3—5 מינוט. פאר דער דאָזיקער צײַט קאָנענ זיכ פונ איר אָנצינדנ אפילע אזוינע זאכנ און מאטעריאלנ, וואָס ברענענ שווער. גרויסע צינד=באָמבעס, וואָס וועגנ צו 25, 50 אָדער 100 קילאָגראמ, רופנ ארויס זייער גרויסע סרייפעס, וואָס ס'איז זיי

שווער ניט נאָר צו לעשנ, נאָר אפילע צו לאָקאליזירנ (ניט לאָזנ זיי זיכ פאַר=שפּרייטנ).

די לעצטע צײַט האָט זיכ באַוויזנ אַ נײַ צינד=מיטל — בלעטל=באָמבעס. קליינע בלעטלעכ (5 קוואַדראַט=סאַנטימעטער), קאָנ זיי דער אעראָפּלאַנ אַרײַ=



אנ אָנצינדונגס־אוו׳אבאָמבע:

אויבנ—בייסנ פלי, אונטנ—די ווירקונג פונ דער באָמבע.

1. דער סטאביליזאטאָר. 2. דער קאָרפּוס. 3. דער אופּרײַסער.

4. דאָס אָנצינדונגס־שטאָפּ.

נעמענ אינ אַנ אומגעהייערער צאָל אונ נאָכדעמ פאַנאַנדערוואַרפנ. דאָרט, וווּ זיי פאַלנ, רופנ זיי ארויס זייער פיל סרייפעס. די דאָזיקע בלעטל=באָמבעס די=נענ אפ אונטערצוצינדנ די געטערעטעניש אפ די פעלדער, וואַלד=מאַסיווּנ אונ אויכ דאָרפס=יישוווים, ווו די געבײַדעס זײַנענ דעריקער הילצערנע. די צאָל בלעטל=באָמבעס, וואָס מע קאָנ אראָפּוואַרפנ פאַראַמאָל, טרעפט אָנ אינ די הונדערטער אונ אפילע אינ די טויזנטער.

כימישע באָמבעס

די אוויִאַציע קאָן נאָך, ענדלעך, אויך באַנוצן כימיש געווער: כימישע באָמבעס און ספּעציעלע מיטלען אָפּ פאַנאַנדערשטויבן סאַם-שטאָפן.

די כימישע באָמבעס ווערן אָנגעפילט סײַ מיט שטאַנדהאַפטיקע סײַ מיט ניט-שטאַנדהאַפטיקע סאַם-שטאָפן. לויטן געבוי זײַנען פאַראַן צוויי מינים כי-



א כימישע אוויִאַבאָמבע:

אויבן—בײַסן פלי, אונטן—אינעם מאָמענט פונעם אופרײַס.

1. דער סטאַביליזאַטאָר. 2. דער קאָרפּוס. 3. דער אופרײַסער.

4. דאָס סאַם-שטאָף.

מישע באָמבעס: אזוינע, וואָס ווירקן דורך א שטויס, און אזוינע, וואָס ווירקן דורך דער דיסטאַנץ. די באָמבע מיט א שטויס-ווירקונג רײַסט זיך אוף פונעם שטויס, ווען זי קומט אין באַריר מיט דער ערד אָדער מיט א געבײַדע. די באָמבע מיט א דיסטאַנץ-ווירקונג רײַסט זיך אוף אינדערלופטן, פאַנאַנדערשפּריצנדיק אירע סאַם-שטאָפן איבערן אָנגעגריפענעם פונקט.

די כימישע שטויס-באָמבעס מיט שטאַנדהאַפטיקע סאַם-שטאָפן (איפּריט, ליוויזיט) האָבן דעם ציל אָנצושטעקן דעם אָנגעגריפענעם פונקט. די וואָג זייער איז געוויינלעך ניט קיין גרויסע: 15, 30 און 50 קילאָגראַם. דער אופרײַס ווערט באַגלייט מיט א שוואַכן, טויבן קלאַנג. די שפּליטערס זײַנען גרויסע

און ניט קיינ סאכ. אינעמ אָרט, ווו אזא באָמבע רײַסט זיכ אופ, שאפט זיכ אנ אָנשטעקונגס-נעסט פונ א 500—600 קוואדראט-מעטער. די סאמ-טראָפנס צעפליִענ זיכ אפ א ראדיוס פונ 12—15 מעטער. אינ וווייכנ באָדנ ווערט א גריבל פונ 5 ביז 30, און אינ הארטנ—פונ 3 ביז 15 סאנטימעטער די טיפ. א געוויסער טייל פונ די סאמ-שטאָפנ ווערט פארוואנדלט אינ דאמפ און נעפל, וואָס באוועגט זיכ מיטנ ווינט אפ עטלעכע הונדערט מעטער די ווײַט און זעצט זיכ אָפ אפ דער ערד.

די דיסטאנצ-אָנעלע כימישע באָמבעס מיט שטאנדהאפטיקע סאמ-שטאָפנ ווערנ אָנגעווענדט אפ אָנצושטעקנ א באשטימטנ פונקט, באזונדערע געבײַדעס און אונטערנעמונגענ און אפ אָפסאמענ די לעבעדיקע קראפט. די וואָג פונ די דאָזיקע באָמבעס דערגרייכט ביז 100 קילאָגראמ. ווענ אזא באָמבע רײַסט זיכ אופ, פאלט א מאסע קליינע סאמ-טראָפנס אפ דער ערד און באדעקט גרויסע שטעכס. א דיסטאנצ-באָמבע פונ 50 קילאָגראמ שטעקט אָנ א שטעטכ פונ א 2 טויזנט קוואדראט-מעטער. באמ אופרײַסנ זיכ פונ א דיסטאנצ-באָמבע שאפט זיכ א דאמפ און א נעפל פונ סאמ-שטאָפנ, וואָס סאמענ אָפ א גרויסנ לופט-רוימ.

די כימישע באָמבעס מיט א שטויס-ווירקונג, וואָס אנטהאלטנ ניט-שטאנדהאפטיקע סאמ-שטאָפנ (פאָסגענ), רײַסנ זיכ אופ אזוי ווי די באָמבעס מיט שטאנדהאפטיקע סאמ-שטאָפנ — בא א שטויס אָנ דער ערד; דער קלאנג, וואָס זיי לאָזנ דערבײַ ארויס, איז א שוואכער. די וואָג פונ די דאָזיקע באָמבעס איז א סאכ א גרעסערע — 100, 250 און אפילע 500 קילאָגראמ. אינ די ערטער, ווו אזא באָמבע רײַסט זיכ אופ, קאָנ זיכ קאָנצענטרירנ א געפערלעכער סכומ סאמ-שטאָפנ, וואָס איז אימשטאנד „דורכצושלאָגנ“ דעמ קעגנגאז און אומברענגענ זײַנ באזיצער. אזא באָמבע פונ 500 קילאָגראמ קאָנ אָפסאמענ בא 60 טויזנט קובאָמעטער לופט. אפנ אָרט, ווו זי רײַסט זיכ אופ, באווײַזט זיכ ניט קיינ גרויס גריבל, וואָס רייכערט זיכ, און עס טראָגט פונ דאָרט מיטנ רייעכ פונעמ אָנגעווענדטנ סאמ-שטאָפ. ארומ דעמ גריבל ליגנ צעוואָרפנ טיילנ פונעמ קאָרפוס פונ דער באָמבע.

בייסנ אופרײַס פונ דער באָמבע באווײַזט זיכ א „וואָלקנ“, ווו דער סאמ-שטאָפ געפינט זיכ אינ א צושטאנד פונ דאמפ אָדער נעפל. דעמ דאָזיקנ „וואָלקנ“ קאָנ מענ זענ מיטנ אויג, ווי ער באוועגט זיכ אינ דער ריכטונג פונ

ווינט. בײַם קײנ ווינט איז ניטאָ, קאָנ דער דאָזיקער „וואָלקנ“ בלײַבנ שטײנ א לענגערע צײַט איבערנ אָרט, וווּ ס'איז פאָרגעקומענ דער אופרײַס. די סאַמ-שטאָפנ דרינגענ אַרײַנ דורכ אָפענע טיר און פענצטער, דורכ אומבאַמערקבאַרע שפּאַלטנ און קאָנענ אַזוי אַרום זיכ פאַרקלײַבנ אינווייניק אינ די געבײַדעס אַרײַנ.

מע דאַרפ זיכ ריכטנ, אַז דער סוינע וועט אויכ אָנווענדנ ספּעציעלע אַפּאַראַטור אַפּ פאַנאַנדערצושפּריצנ (אויסגיסנ) סאַמ-שטאָפנ. אײנ באָמביר-אַעראָפּלאַנ קאָנ אופהײבנ אַפּאַראַטור, וואָס נעמט אינ זיכ אַרײַנ עטלעכע הונדערט ל'טער סאַמ-שטאָפ. ווענ מע עפנט די אַפּאַראַטור אופ, גיסט זיכ דער סאַמ-שטאָפ (איפּריט, צום בײַשפּיל) אַרויס, און צעשטויבט ווערנדיק פונעם ווינט אַפּ קלײנינקע טראָפּנס, ווערט ער פאַרוואַנדלט אינ א מינ רעגנ פונ סאַמ-שטאָפ.

שפּליטער־באָמבעס

די אַוויאַציע באַנוצט נאָכ, ענדלעכ, אויכ שפּליטער-באָמבעס און כימישע שפּליטער-באָמבעס. ווענ א שפּליטער-באָמבע רײַסט זיכ אופ, באַקומט זיכ א גרויסע צאָל דריבנע שפּליטערס. די דאָזיקע שפּליטערס טרעפנ אינ מענטשנ. די כימישע שפּליטער-באָמבעס שאַפנ נאָכ, כוץ דעמ, א קלײנ וואָלקנדל גיפטיקנ רויכ, און אַז א מענטש פאַלט אַרײַנ אינ דער זאָנע, אינ וועלכער דער רויכ האַלט אָנ זײַנ ווירקונג, מאַכט ער זיכ קאַליע די אָטעמ-וועגנ און די אויגנ.

די באָמביר־אַוויאַציע איז ניט אומבאַשטראָפט

אַפּ די פעלדער פונ דער צווייטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט די אַוויאַציע דערוויזנ, וואָס פאַרא גוואַלדיקע צעשטערונגס-מעגלעכקײַטנ זי פאַרמאָגט.

טויזנטער דערהאַרגעטע און פאַרווונדעטע; טויזנטער רויִנירטע וווינונגס-געבײַדעס און אונטערנעמונגענ; צעשטערטע אַרבעט פונעם טראַנספּאָרט און פונ די אינדוסטריע-אָביעקטנ; הונדערטער טויזנטער, מיליאָנענ מענטשנ, וואָס

מוזנ פארלאָזנ זייער וווינונג און שאָענלאגג זיכ אויסבאהאלטנ אינ באהעלטעגישנ, — אָט דאָס זײַנענ די סאכאקלענ פונ דער צעשטערונגס=ארבעט פונ דער באָמביר=אוויאציע.

דער כאווער קאלינינ האָט געזאָגט: „די מילכאָמע נעמט אָנ אפ אונדזערע אויגנ אזוינע פאָרמענ, אז אויכ ציווילע מענטשנ זײַנענ אצינד געצוווּנגענ גרינטלעכ צו באקענענ זיכ מיטנ מיליטער=וועזנ“.

און אז איר וועט זיכ באקענענ מיטנ מיליטער=וועזנ, וועט איר זיכ דערוויסנ, אז די באָמביר=אוויאציע איז ניט אומבאשטראָפט, אז עס זײַנענ פאראנ ווירקעוודיקע מיטלענ, וויאזוי צו קעמפנ קעגנ איר און וויאזוי צו קעמפנ מיט די פאָלגנ פונ א לופט=כימישנ אָנפאל.

דער דאָזיקער קאמפ ווערט אָרגאניזירט און געפירט מיט די קרעפטנ און מיטלענ פונ דער לופט=שוצ און כימישער שוצ.

לופט־שוצ

איר פארשטייט געווים די אופגאבנ, וואָס פאלנ אפ דער לופט=שוצ. די הויפט=אופגאבע איז ניט דערלאָזנ דעמ לופט=סוינע אפ אונדזער טעריטאָריע אָדער יעדנפאלס פארשווערינ דעמ סוינע צו מאכנ א לופט=אָנפאל.

די דאָזיקע אופגאבע פילט פריער פאר אלצ אויס אונדזער מעכטיקע באָמביר=אוויאציע. שוינ בא די ערשטע פרווּוו פונ די סאָנימ אָנצופאלנ אפ אונדזער היימלאנד האָבנ אונדזערע באָמביר=אעראָפּלאנענ, אָנגעפירט פונ די רומפולע סטאלינישע סאָקאָלנ, געגומענ פארניכטנ דעמ סוינעס לופט=קרעפטנ אפ זײַנע אייגענע אעראָדראָמענ און אוויאציע=באזעס, ווי דאָס איז געווענ בייסנ קאמפ קעגנ די וויספינענ און אינ ראיאָנ פונ כאלכינ=גאָל. גלײַכצײַטיק פירנ אונדזערע שנעלע פארניכטער=אעראָפּלאנענ לופט=שלאכטנ קעגנ דער אוויאציע פונעמ סוינע בא אירע פרווּוו ארײַנצודרינגענ אינ אונדזער לאנד.

אויב אָבער א טייל פונ דעמ סוינעס אעראָפּלאנענ וועט זיכ דאָכ אײַנגעבנ דורכצודרינגענ אפ אונדזער טעריטאָריע, וועלנ זיי באגעגנט ווערנ ניט נאָר פונ אונדזער פארניכטונגס=אוויאציע, נאָר אויכ פונ דער זעניט=ארטילעריע און פונ זעניט=קוילנוואַרפער. זיי וועלנ צווינגענ דעמ לופט=סוינע צו האלטנ זיכ

אפ א גרויסער הייכ און וועלנ אימ נישט געבנ די מעגלעכקייט אראָפּצונידערנ, ער זאָל ניט קאָנענ פּינקטלעכ וואַרפנ די באָמבעס.

באנאכט וועלנ די זעניט-הארמאטנ אָפּערירנ מיט דער הילפ פונ מעכטיקע זעניט-פראָזשעקטאָרנ. די פראָזשעקטאָרנ וועלנ אָנטאפנ דעמ סוינעמ עראָפּלאנענ אינדערלופטנ, זיי וועלנ זיי האלטנ פארקלעמט צווישנ זייערע פארבלענדיקע שטראלנ אזוי, אז די ארטילעריסטנ זאָלנ קאָנענ זענ דעמ סוינעמ עראָפּלאנענ און צילנ אינ זיי.



אפ אופצוכאפנ, ווענ דעמ סוינעמ עראָפּלאנענ דערנעענטערנ זיכ, זיינענ פאראנ ספּעציעלע קלאנגענ-אופכאפער; דערופ ארבעט אויכ א גאנצע נעצ אָבסערוויר- און פארבינדונגס-פּאָסטנס.

ענדלעכ, שטעלט איינ אונדזער מיליטער-קאָמאנדשאפט ביימ די קריגס-אקציעס ארומ א סאכ פונ אונדזערע שטעט פארצאמונגס-עראָסטאטנ, וואָס שאפנ אינדערלופטנ א גוטע צאמ פונ שטאָלענע טראָסנ, אינ וועלכע עס וועלנ זיכ צעקלאפנ דעמ סוינעמ עראָפּלאנענ.

אזוי זעט אויס די מעכטיקע אוויא-זעניט-שוצ פונ אונדזער היימלאנד. דאָס שליסט אָבער ניט אויס, נאָר, אדעראבע, סע פאָדערט, אז די ציווילע באפעלקערונג, אלע סאָוועטישע בירגער זאָלנ זיכ ערנסט גרייטנ צו דער לופט-שוצ.

מע מוז פעסט פארגעדענקענ, אז מיר טאָרנ אינ קיינ שומ פאל ניט דערלאָזנ, עס זאָל כאָטש אפ וויפל-ניט-איז צעשטערט ווערנ די נאָרמאלע ארבעט פונ אונדזער הינטערלאנד. בלויז דאנ, ווענ דאָס הינטערלאנד וועט ארבעטנ אָנ קיינ שומ איבערשלאָג, בלויז דאנ, ווענ די פאבריקנ, זאוואָדנ, אייזנבאנענ, פאָרטנ וועלנ ארבעטנ נאָרמאל און מיטנ העכסטנ טעמפּ, — בלויז דאנ וועלנ מיר קאָנענ זיכערנ דער רויטער ארמיי און דעמ מיליטערישנ יאמ-פלאָט א שנעלנ און אנטשיידענעמ זיג.

אָט פארוואָס די מאָסמיטלענ פונ אוויא=זעניט=שוצ, וועלכע עס וועט אָנווענדנ די מיליטער=קאָמאנדשאפט, באדארפנ נאָכ דערגאנצט ווערנ מיט דער ארבעט פונ דער אָרטיקער „פוואָ“, וואָס עס טוענ די ציווילע מאכט=אָרגאנענ באמ סאמע אקטיוונ אָנטייל פונ דער גאנצער באפעלקערונג.

פאר די ציווילע מאכט=אָרגאנענ שטייט אנ אויסערסט פאראנטוואָרטלעכע אופגאבע. אויב זיי וועלנ גוט אָרגאניזירנ אונ צוגרייטנ די אָרטיקע „פוואָ“ היינט, — דאנ וועט די „פוואָ“ באלד פונ די ערשטע טעג, פונ די ערשטע שאָענ מילכאָמע קאָנענ אויסגעצייכנט ארבעטנ. אונ אז איר וועט זיכ אקטיוו באטייליקנ אינ דער לער פונ פארשיידענע אָטריאדנ אונ גרופעס פונ „פוואָ“, אז איר וועט מיט אייער ענערגיע אונ איניציאטיוו באווייזנ צונויפצושמעלצנ אלע רינגענ פונ „פוואָ“ (די פייערלעשער=רינגענ, די כימישע רינגענ, אוואריע=רינגענ אונ די רינגענ אפ אָפצוהיטנ די אָרדענונג אינ די שטעט אונ דערפער), — אז איר וועט דאָס טאָנ, וועט איר אופטאָנ א גרויסע אונ וויכטיקע מעלוכישע ארבעט.



סיגנאלנ פונ כימישנ אליארמ אונ סייפע־אליארמ:
אויבנ—א בופער, א סירענע (רעכטס).

באדראָונגס־צושטאנד

ווענ עס איז דערקלערט באדראָונגס=צושטאנד, זיינענ אלע זאוואָדנ, פאבריקנ, קאָלווירטנ, שולנ, אלע אנשטאלטנ, שפיטאָלנ אונ הייזער מעכוייעוו צו ברענגענ אינ פולער מאָביליזיר=גרייטקייט אלע זייערע מיטלענ אונ קרעפטנ

פונ „פוואָ“. ווענ עס קומט אָנ די נאכט, ווערט דורכגעפירט א פולשטענדיקע ליכט=מאסקירונג פונ די שטעט אונ דערפער, — דאָס וועט דעמ לופט=סוינע היפש פארשווערנ אָפּצוזוכנ די וויכטיקסטע צילנ מיטנ צוועק צו באָמבירנ זיי.

לופט־אליארמ (Воздушная тревога)

ווענ עס אנטשטייט א דירעקטע געפאר פונ א לופט=אָנפאל אפ דעמ אָדער יענעמ פונקט, באקומט די באפעלקערונג פונעמ פונקט א וואָרענונגס=סיגנאל, — „לופט=אליארמ“. דער סיגנאל ווערט געגעבנ דורכ ראדיאָ; עס צערעווענ זיכ די מעכטיקע עלעקטרישע סירענעס אונ האנט=סירענעס; קורצ, אָפּגעהאקט צע=הודזשענ זיכ די סירענעס פונ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ.

כימישער אליארמ (Химическая тревога)

אויב דער סוינע וועט לאָזנ אינ גאנג סאמ=שטאָפנ, וועט די באפעלקערונג פונ די ראיאָנענ אָדער קווארטאלנ, וואָס וועלנ שטיינ אונטער דער געפאר פונ א כימישנ אָנפאל, באקומענ א וואָרענונגס=סיגנאל — „כימישער אליארמ“. דאנ וועלנ זיכ לאָזנ הערנ אָפּטע קלעפּ אינ די אייזערנע רעלסנ אָדער גאָנגנ, וואָס וועלנ הענגענ ארומ יעדנ הויז.

דער אליארמ איז געענדיקט (Отбой)

נאָר אָט האָט אונדזער פארניכטונגס=אוויאציע, אונדזער זעניט=ארטילעריע דעמ סוינע פארניכטעט, זיינע רעשטלעכ אנטלויפנ, פארפאָלגט ווערנדיק פונ די סאָוועטישע פליער. די געפאר איז אפ א צייט באזייטיקט. מע קאָנ דער=לויבנ דער באפעלקערונג פארלאָזנ די באהעלטענישנ. די ראדיאָ וועט וועגנ דעמ לאָזנ וויסנ. כוצ דעמ וועלנ אויכ די פאראנטוואָרטלעכע פוואָ=דעזשורנע צו וויסנ געבנ וועגנ דעמ, אז דער אליארמ איז געענדיקט.

ליכט־מאסקירונג

איר ווייסט שוינ, אז ניט=פארהוילענע אָדער שלעכט=פארהוילענע ליכט עפּנט אופ פארנ לופט=סוינע א ציל=פונקט אונ גיט אימ א מעגלעכקייט צו ווארפנ די באָמבעס אינ א באשטימטנ ציל. דאָס איינפאכסטע מיטל פונ ליכט=

מאסקירונג איז — אויסלעשנ די שײַנ. זיצנדיק אָבער אינ דער פינצטער, וועט די גאנצע באפעלקערונג געצוווּנגענ זײַנ אָפּצושטעלנ יעטווידע ארבעט. איר ווייסט דאָכ אָבער, ווי וויכטיק עס איז, אז דאָס לעבנ פונ די שטעט, פונ די דערפער זאָל זיכ גיינ העכסט נאָרמאל. אלזאָ, די אויפגאבע אונדזערע איז, אז אינ די הײַזער און אינ די אונטערנעמונגענ זאָל זײַנ ליכט, מע זאָל עס אָבער אבסאָליוט ניט קאָנענ זענ פונדערלופטנ.

דאָס סאמע פּאָשעטע און צוטריטלעכע מיטל פונ ליכט-מאסקירונג איז פארהענגענ די פענצטער מיט שטאָרנ פונ א ספּעציעלנ מינ פײַערפעסטנ פּאַפּיר, וואָס לאָזט ניט דורכ קיינ ליכט. אזא פּאפּיר קאָנ מענ קריגנ אינ יעדער אָסאָאוויאכימ-אָרגאניזאציע. לעצט-ברײרע קאָנ מענ מאכנ שטאָרנ פונ אלטע צײַטונגענ, טאפּעטנ אָדער פונ פּאק-פּאפּיר, אומבאדינגט פונ א טונקעלנ קאָליר, צונויפגעקלעפּט עטלעכע שיכטנ צוזאמענ.

אינ די דערפער און אינ די אונטערשטע שטאָקנ פונ פילגאָרנדיקע שטאָטישע מויערנ קאָנ מענ רעקאָמענדירנ הילצערנע לאָדנס. די לאָדנס דארפנ זײַנ גוט צונויפגעקלאפּט און דארפנ צושטיינ שטײַפ צום פענצטער, אז אפילע קיינ קליינ פּאסיקל ליכט זאָל ניט אדורכדרינגענ אינ דרויסנ.

באהעלטענישנ פונ „פוואָ"

קעדיי די באפעלקערונג זאָל זײַנ באשיצט קעגנ לופט-סוינע, ווערנ געמאכט ספּעציעלע באהעלטענישנ. זיי זײַנענ די גרעסטע באוואָרענונג פונ פוגאס-באָמבעס, צינד-באָמבעס און .פונ סאמ-שטאָפנ.

פאר באהעלטענישנ ווערנ אויסגענוצט און צוגעפּאסט פארשיידענע קעלערס, אונטערערדישע לאָקאלנ. כוץ דעמ בויט מענ אינ דער ערד ספּעציעלע באהעלטענישנ.

די סטעליעס און די ווענט פונ די באהעלטענישנ ווערנ געמאכט ביז גאָר פעסט, זיי זאָלנ ניט אײַנפאלנ בייסנ אופרײַס פונ די פוגאס-באָמבעס.

אינ דער איצטיקער מילכאָמע זײַנענ שטארק פארשפּרייט באהעלטענישנ אינ קעלערס פונ הײַזער.

אפּ צו מאכנ אנ איינפאכע באהעלטעניש אינ א קעלער דארפ מענ פארפעסטיקנ די סטעליע און די ווענט.

395—2

ווי פארפעסטיקט מענ די סטעליע? אפ דער פאָדלאָגע פונ דער באהעל=
טעניש שטעלט מענ אוועק שטיצ=קלעצער, אפ וועלכע די סטעליע שפּארט זיכ
אָנ. קעדיי גלײַכמעסיק צו פארטיילנ די אָנלאָדונג, ווערנ אונטער די שטיצ=
קלעצער ארונטערגעלייגט גראָבע הילצערנע ברעטער. אזוינע ברעטער ווערנ
ארופגעלייגט אויכ אפ די שטיצ=קלעצער אונטער דער סטעליע.

ווי פארפעסטיקט מענ די ווענט פונ א קעלער=באהעלטעניש? פונ אויס=
ווייניק לייגט מענ אָנ זעק אָדער קאסטנס מיט זאמד. אלע פענצטער ווערנ
פארמויערט מיט ציגל אָדער פארלייגט מיט זעק (קאסטנס) זאמד.

א קעלער=באהעלטעניש. דארפ האָבנ צוויי ארײַנגענג אינ פארשיידענע עקנ
פונ קעלער.

געוויינלעכ דארפ די קעלער=באהעלטעניש זײַנ אויסגערעכנט אפ דעם, אז
דאָרטנ זאָלנ זיכ גלײַכצײַטיק קאָנענ געפינענ ניט מער פונ 50 מענטשנ. אינ
גרויסע קעלערס ווערנ געמאכט קאפיטאלע ווענט, קעדיי אינ יעדער אָפּטיילונג
זאָל זיכ געפינענ ניט מער פונ 50 מענטשנ.

באהעלטענישנ ווערנ אויכ געמאכט מיט די צוועקנ פונ כימישער שוצ. אינ
די דאָזיקע באהעלטענישנ פארשמירט מענ זייער זאָרגזאם אלע שפּאלטנ אינ
די ווענט, אינ דיל אונ אינ סטעליע, די טירנ ווערנ שטײַפ אײַנגעפאסט. די
באהעלטענישנ ווערנ ווענטילירט מיט ספּעציעלע פילטרענ, וואָס זיכערנ דעם
צופלוס פונ אָפּגערייניקטער לופט.

באנוצנ זיכ מיט די באהעלטענישנ דארפ מענ אפ א שטרענג=אָרגאניזירטנ
אויפנ. צו יעדער באהעלטעניש ווערנ פונ פריער צוגעשריבנ די מענטשנ, וואָס
וועלנ דארפנ צו איר אָנקומענ. מע דארפ האָבנ אינ זינענ, אז יעדע באהעל=
טעניש קאָנ אינ זיכ ארײַננעמענ א באגרענעצטע צאָל מענטשנ; אז עס וועט
דאָ זײַנ צופיל מענטשנ, וועט מענ זיכ מיט דער באהעלטעניש ניט קאָנענ בא=
נוצנ, ווײַל עס וועט אויספעלנ לופט.

אָרגאניזירנ די אָרדענונג, ביים די בירגער פארנעמענ די באהעלטענישנ,
אופהאלטנ אָרדענונג אינ די באהעלטענישנ גופע, — אנ אָרדענונג אפנ ניוואָ
פונ מיליטער=דיסציפּלינ, — דאָס איז די ערשטע אופגאבע פונ יעדנ באוווסט=
זיניקנ בירגער פונ אונדזער לאנד.

כוצ די באהעלטענישנ אינ די פאבריקנ, זאוואָדנ, אנשטאלטנ, שולנ אונ
הײַזער ווערנ נאָכ געמאכט באהעלטענישנ פאר אלגעמיינעם באנוצ, עס זאָל

זיכ אינ זיי קאָנענ אויסבאהאלטנ דער אוילעמ, וואָס דער סיגנאל „לופט־אליארמ“ טרעפט אימ אינ גאס, אינ טעאטער, אינ קלוב, אינ קינאָ א״אװ.

פארגעדענקט! אינ אלע באהעלטעניש מוז מענ שטרענג אָפּהיטנ די אײַנגעפירטע אָרדענונג באמ ארײַנגײַנ אונ אויכ באמ פארנעמענ װײַטער דעמ אָדער יענעמ לאָקאל פונ דער באהעלטעניש.

אָנ א באזונדערער נויטװענדיקײַט דארפ מענ ניט אריבערגײנ פונ אײנ טײל באהעלטעניש אינ אנ אנדערנ.

אויב עס לעשט זיכ מיטאמאָל אויס די שײַנ, דארפנ אלע פארבלײַבנ אפ זײערע ערטער שטיל אונ רויק. אריבערגײנ פונ אײנ אָרט אינ א צווייטנ אָנ דער דערלויבעניש פונעמ שעפ איז פארווערט.

עסנ איז דאָ דערלויבט נאָר אינ ספּעציעלע ערטער. קעדײ ניט צו פארשמוציקנ די באהעלטעניש, מוז מענ די רעשטלעכ פונעמ עסנ אומבאדינגט צוקלײַבנ.

ס׳איז דאָ פארבאָטנ צו רײכערנ אונ אָנצינדנ ליכט.

די מענטשנ, וואָס געפינענ זיכ אינ דער באהעלטעניש, זײַנענ מעכויעװ אויסצופילנ אלע פאָראָרדענונגענ פונעמ שעפ אונ פונ די דעזשורנע, העלפנדיק זײ מיט וואָס עס איז נאָר מעגליכ אינ דער ארבעט פונ באדינענ די באהעלטעניש.

פעלד־באהעלטענישנ

אפ צו זיכערנ די גאנצע באפעלקערונג מיט אזוינע באהעלטענישנ ווי די, וואָס זײַנענ דאָ אויבנ באשריבנ געוואָרנ, וואָלט מענ געדארפט אויסבויענ אונטער דער ערד גאנצע שטעט. מע קאָנ זיכ אָבער אויכ באשיצנ אינ פּאָשעטע פעלד־באהעלטענישנ אינ דער פאָרמ פונ שמאָלע גראָבנס. די דאָזיקע באהעלטענישנ הײסנ „שפּאלטנ“.

די פעלד־באהעלטענישנ ווערנ געמאכט אפ א טרוקנ שטיקל באָדנ ניט ווײַט פונ דער וווינונג אָדער פונעמ אָרט, ווו מע ארבעט, אינ דער פאָרמ פונ טראנשײענ. פונ אויבנ מוז מענ זײ אומבאדינגט איבערדעקנ.

די גרײס אונ די פאָרמ פונ א פעלד־באהעלטעניש קאָנענ זײַנ פארשײדענע, געוויינלעכ אָבער רעכנט מענ זי אויס ניט מער ווי אפ 50 מאנ.

דער ארײַנגאנג אינ זײ ווערט אלס קלאל געמאכט מיט א טאמבור. דער

טאמבור — א מינ קאָרידאָרל צווישנ דער עצעם באהעלטעניש אונ דער דרויסנ=טיר — פארקלענערט די געפאר, עס זאָל אינ דער באהעלטעניש ארײנדרינגענ סאמ=שטאָפ. ארײנגײענדיק אינ דער באהעלטעניש, עפנט איר אופ די ערשטע טיר, נאָכדעמ פארמאכט איר זי, אונ ערשט דאנ עפנט איר אופ די אינווײניקסטע טיר. ווענ מע זאָל אויסשטאטנ דעמ טאמבור מיט טירנ



א פעלד־באהעלטעניש.

אָדער מיט א פאָרהאנג, וואָס לאָזנ ניט דורכ קײנ לופט, קאָנ ער באשיצנ פונ סאמ=שטאָפנ.

קעדײ די טירנ זאָלנ זײַנ אבסאָליוט הערמעטיש צוגעמאכט, דארפ מענ ארופלײגנ פונ די זײטנ גומענע לײסטלעכ. דער פאָרהאנג דארפ זײַנ אינ שעטעכ גרעסער פונ דער טיר אונ דארפ פעסט צושטײנ צו די טיר=לײסטנ. פונ אונטנ דארפ זיכ דער פאָרהאנג שלעפנ איבערנ דיל אפ 15 סאנטימעטער. געמאכט דארפ זײַנ דער פאָרהאנג פונ גומירטנ שטאָפ, אונ אז ניט — איז פונ א געווײנלעכער וואָלענער קאָלדרע, וואָס איז אָנגעווײקט אינ וואסער.

די סטעליע פונ דער באהעלטעניש ווערט געמאכט פונ שטאנגענ אונ ברעטער. אפ די ברעטער לײגט מענ אָנ אונ מע טראמבעוועט אײַנ א שיכט לײמ (10—15 סאנטימעטער) אָדער שווארצנ באָדנ (15—20 סאנטימעטער). אפ

דער לײם שיט מענ אָנ ערד, די ערד דארפ מענ אויכ אײַנטראמבעווענ. די ערד דעקט מענ איבער מיט א גראָז=באנק.

די אלגעמײנע גרעב פונעם גאנצנ איבערדעק דארפ זײַנ ניט ווייניקער פונ 60 סאנטימעטער.

קעדיי די באהעלטעניש זאָל ניט פארפלײצט ווערנ מיט רעגנ=וואסער, דארפ מענ מאכנ רינשטאָקנ אונ גריבער, וווהינ עס זאָל ארא‌פּרינענ דאָס וואסער.

ארומ די ווענט דארפ מענ מאכנ פונ ערד ערטער צומ זיצנ אָדער אוועק=שטעלנ בענקלעכ.

אינ אַט אזא באהעלטעניש מיט א טאמבור אונ מיט א שוצ=פאָרהאנג קאָנ מענ ביים א כימישנ אָנפאל זיכ אופהאלטנ א לאנגע צײַט אָנ א קעגנגאז.

האָט אינ זינענ, אז אפ יעדנ מענטשנ פאָדערט זיכ פונ 1 ביז 2 קובאָמע=טער רײנע לופט א שאָ. אויב אינ א באהעלטעניש, וואָס האלט 100 קובאָמע=טער, געפינענ זיכ 25 מאנ, קאָנענ זײ זיכ דאָ באשיצנ פונ סאמ=שטאָפנ ניט ווייניקער פונ 2 שאָ צײַט. אויב די פעלד=באהעלטעניש זאָל ווענטילירט ווערנ מיט דער הילפ פונ א ספעציעלנ פילטער (וועלכער איז געבויט לויטנ זעלבנ פרינציפ, וואָס א קעגנגאז), דורכ וועלכנ די רײנע לופט גײט דורכ אונ די סאמ=שטאָפנ פארהאלטנ זיכ אינעמ פילטער, וואָס זאפט זײ אײַנ, — קאָנ מענ זיכ דאָ אופהאלטנ לענגער.

באלײַכטונג וועט די באהעלטעניש באקומענ פונ דער אלגעמײנער עלעק=טרישער נעצ אָדער פונ עלעקטרישע אקומוליאטאָר=לאמטערנס.

קומענ אינ דער באהעלטעניש דארפ מענ, ווענ עס ווערט געגעבנ דער סיג=נאל „לופט=אליארמ“. די טירנ אונ פאָרהאנגענ ווערנ צוגעמאכט, ווענ עס ווערט געגעבנ דער סיגנאל „כימישער אליארמ“.

ווי אײנפאכ די פעלד=באהעלטעניש זאָל ניט זײַנ, דאָכ ניט שטענדיק אונ אומעטומ קאָנ מענ אזא באהעלטעניש שנעל אופבויענ.

די דערפארונג פונ די איצטיקע מילכאָמעס האָט באוויזנ, אז עס זײַנענ פאראנ נאָכ מער אײנפאכע אײַנריכטונגענ, וואָס קאָנענ מיט דערפאָלג באשיצנ די באפעלקערונג פונ קוילנ, שפליטערס, סנאריאדנ, באָמבעס, פונ דער אופ=רײַס=כוואליע, פונ די וואלגער=קופעס, וועלכע וואקסנ אויס, ביים עס פאלנ אײַנ געבײַדעס, אונ אויכ פונ פליסיקע שטאנדהאפטיקע סאמ=שטאָפנ.

„שפאלטנ"[1] — װיאזױ מע דארפ זײ בויענ

די סאמע אײנפאכע באהעלטענישנ זײַנענ די אזױגערופענע „שפאלטנ".

עמעס, װענ אנ אװיאבאָמבע טרעפט גלײַכ אינ דער דאָזיקער באהעלטעניש, קאָנ זי זי כאָרעװ מאכנ. דאָס קאָנ אָבער זעלטנ־װענ טרעפנ, װײַל דער שעטעכ פונ די באהעלטענישנ אינ פארגלײַכ מיטנ שעטעכ פונעמ גאנצנ באַפעלקערטנ פונקט באטרעפט א קלײניקײט.



דער אויסזענ פונ „שפאלטנ".

װאָס שטעלט מיט זיכ פאָר דער דאָזיקער טיפ באהעלטעניש?

מע גראָבט אויס אינ באָדנ שמאָלע פארמאכטע אָדער אָפענע גראָבנס — טראנשײענ. װאָס טיפער עס איז דער גראָבנ, אלצ בעסער באשיצט ער פונ באָמבע־שפליטערס.

אזױנע באהעלטענישנ — „שפאלטנ" דארפ מענ מאכנ אינ סקװערנ, סעדער, גערטנער, פארקנ, אפ בולװארנ, פלעצער, פוסטקעס. מאכט זײ ניט נאָענט אײנס פונעמ אנדערנ, — דערמיט װעט איר בײַמ אופרײַס פונ פוגאס־באָמבעס פארקלענערנ די געפאר, עס זאָלנ כאָרעװ װערנ עטלעכע „שפאלטנ" מיטאמאָל.

מאכט זײ װאָס װײַטער פונ געבײַדעס, — דערמיט װעט איר זיכ באװאָ־

1 „שפאלטנ" — „Щели"

רענען, אז אויב עס פאלט אײַן א געבײַדע, זאָל זי ניט פאַרוואַלגערן דעם „שפאלט“.

נאָך דעם, ווי דאָס אָרט אפ אויסצובויען דעם „שפאלט“ איז שוין אָנגעמערקט, באצייכנט די גרענעצן פון דער פארטיפונג, און ערשט דאַן טרעט צו ארויסצוגראָבן די ערד. אפריער נעמט אראָפ מיטן גראָב־אײַזן די גראָזבאנק און לייגט זי אָפ אָן א זײַט; פארווארפט זי ניט, ווײַל זי וועט צוניץ קומען אפ צו פארמאסקירן אלע אופשיטן און די צודעקן. ווען מע גראָבט אזא באהעלטעניש אין פעלד, דארף מען צוליב מאסקירונגס־צוועקן אראָפנעמען דעם אייבערשטן שיכט ערד, מיט וועלכן מע דעקט דערנאָך צו אלע אופשיטן.



די „שפאלטן“ דארפן געמאכט ווערן זיגזאגארטיקע. יעדער גראָדער באצירק דארף זײַן ניט לענגער פון 5 מעטער. דאָס איז נייטיק צוליב דעם, קעדיי די באָמבע־שפליטערס, ביים זיי פליען לענגויס דעם גראָדן באצירק, זאָלן אָנמאכן ווייניקער צאָרעס. די ברייט פון דער באהעלטעניש אין דנאָ דארף זײַן ניט ווייניקער פון 60 סאנטימעטער, די ברייט צווישן די אייבערשטע שיכטן ווענדט זיך אינעם באָדן. די טיפ דארף אלס קלאל זײַן ניט ווייניקער פון 2 מעטער.

אפ דער גאנצער לענג פון דער באהעלטעניש דארף מען אײַנשטעלן בענקלעך אָדער מאכן ערדענע טרעפלעך, איבערגעדעקטע מיט ברעטער. פארגעסט ניט: עס קאָן אמאָל אויסקומען אָפזײַן אין דער באהעלטעניש שאָעןווײַז, איז אוודע בעסער זיצן איידער שטיין.

באם ארײַנגאנג דארף מען מאכן טרעפ. די טרעפ דארף מען אײַנפעסטיקן מיט שטיקלעך האָלץ און פלעקער, קעדיי די ערד, ווען זי וועט זיך אויסטריקענען, זאָל זיך ניט אָפשיטן. די ווענט פון דער באהעלטעניש דארף מען אויך אײַנפעסטיקן מיט ברעטער אָדער מיט לאָזע. מע דארף באוואָרענען, אז דער „שפאלט“ זאָל פון אויבן ניט פארפלייצט ווערן מיט וואסער, — צוליב דעם דארף מען אויסגראָבן רינשטאָקן, און אפן דעק — א גרוב, וווּ עס זאָל זיך אופזאמלען דאָס וואסער.

די מענטשנ, וואָס באהאלטנ זיכ אויס אינ די „שפאלטנ“, דארפנ אומבאדינגט זיינ באזאָרגט מיט קעגנגאזנ.

פונ אויבנ דארפ מענ דעמ „שפאלט“ איבערדעקנ מיט דאכקארטאָנ אָדער רובעראָיד: דאָס פארהיט די באהעלטעניש פונ סאמ⸗שטאָפנ, וואָס מע שפריצט פאנאנדער פונ עראָפלאנענ. צוליב פעסטקייט וועגנ לייגט אונטער אונטערנ דאכ⸗קארטאָנ ברעטער אונ א שיכט ליימ, פונ אויבנ שיט אָנ נאָכ א שיכט ליימ אונ זאמד, אונ איבער דעמ — א גראָז⸗באנק. די אלגעמיינע גרעב פונעמ אופשיט אינ „שפאלט“ דארפ זיינ ניט ווייניקער ווי אינ דער פעלד⸗באהעלטעניש, ד. ה. ניט ווייניקער פונ 60 סאנטימעטער.

דער קעגנגאז

צוליב באשיצנ זיכ פערזענלעכ פונ סאמ⸗שטאָפנ איז דאָס בעסטע אונ זיכערסטע מיטל דער קעגנגאז. אינ ראטנפארבאנד איז אמערסטנ פארשפרייט דער פילטרירנדיקער קעגנגאז פונעמ טיפ „БН“.

דער מענטש, וואָס טוט אָנ א קעגנגאז, באשיצט אפ זיכער זיינע אָטעמ⸗וועגנ אונ די אויגנ, וואָס זיי האָבנ מער ווי אלצ מוירע פאר דער ווירקונג פונ סאמ⸗שטאָפנ. די גומענע מאסקע באשיצט דאָס פּאָנעמ פונ די דאמפנ פונ סאמ⸗שטאָפנ, וועלכע ווירקנ אפ דער הויט, צומ ביישפיל, דער דאמפ פונ איפריט.

דער קעגנגאז רייניקט אָפּ די אָפּגעסאמטע לופט, וואָס קומט אינ אימ ארײנ באמ אײנעטעמענ, אונ לאָזט דורכ צו אונדז אינ די לונגענ ארײנ בלויז ריינע לופט.

דער קעגנגאז באשטייט פונ א קעגנגאז⸗שאכטל, ווּ עס זיינענ דאָ אבסאָרבירער (איינזאפער), וועלכע זאפנ אינ זיכ איינ די סאמ⸗שטאָפנ (דאָ ווערט די פארסאמטע לופט אָפּגערייניקט), וויטער באשטייט ער פונ א גאָפרירטער פארייניקונגס⸗רער, דורכ וועלכער די אָפּגערייניקטע לופט קומט ארײנ אונטער דער מאסקע, פונ דער מאסקע גופע, פונ א קלאפאנ⸗סיסטעמ (אנ ארײנאָטעמ⸗קלאפאנ אונ ארויסאָטעמ⸗קלאפאנ), וואָס פארטיילט דעמ באוועגונגס⸗גאנג פונ דער ארײנגעאָטעמטער אונ ארויסגעאָטעמטער לופט.

אפנ דעק פונ דעמ שאכטל געפינט זיכ א קעגנרויכ⸗פילטער. זיינ אופגאבע

איז אײַנצוזאַפנ סאַמ=שטאָפנ, וואָס געפינענ זיכ אינ א רויכאַרטיקנ צושטאַנד. דער פילטער איז געמאַכט פונ וואַטע אָדער פונ אליגנינ — א פיברענ=מאַטעריאַל פונ צעלולאָז. די איבערגעפלאָכטענע פיברענ בילדנ שטאַרק פאַרקנוילטע, לאַנגע, שמאָלע וועגנ פאַר די רויכנ און ס'איז קימאַט אומפאַרמײַדלעכ, אַז זיי זאָלנ קומענ אינ באַריר מיט דער אויבערפלאַכ פונ די פיברענ, ווו עס בלײַבנ שטעקנ רויכ=טײלכלעכ. פונ אויבנ אַפ דער וואַטע ליגנ צוויי שיכטנ אַקטיווירטע קוילנ, וואָס זײַנענ צווישנ זיכ אָפגעטײלט מיט א שיכט פונ א כימישנ אײַנזאַפער. זיי, די קוילנ, זאַפנ עס טאַקע אײַנ די סאַמ=שטאָפנ אינ גאַזאַרטיקנ אָדער דאַמפאַרטיקנ צושטאַנד. די אַקטיווירטע קוילנ קאָנענ אינ זיכ אײַנזאַפנ פיל פאַרשײדענע גאַזנ און דאַמפנ. די דאָזיקע פײַקײט זייערע באַזירט זיכ אַפ דער דערשײַנונג פונ אײַנזאַפונג — דאָס הייסט, אַז אַפ דער אויבערפלאַכ פונ א האַרטנ אָדער פליסיקנ קערפער ווערנ די גאַזנ און דאַמפנ פאַרגעדיכטעט. און די אויבערפלאַכ בײַ די אַקטיווירטע קוילנ איז א גרויסע, ווײַל זיי האָבנ אינ זיכ פיל פאָרנ. ווי גרויס דאָ איז די צאָל פאָרנ, איז צו זענ דערפונ, וואָס אינ 1 גראַמ אַקטיווירטע קוילנ באַטרעפט די אויבערפלאַכ פונ די פאָרנ פונ 100 ביז 1.000 קוואַדראַט=מעטער.

געווײנלעכע האָלצ=קוילנ האָבנ ניט גענוג פאָרנ, און דערפאַר זײַנענ זיי ווײניקער אימשטאַנד צו פאַרהאַלטנ די סאַמ=שטאָפנ. דעריבער ווערנ די קוילנ ספעציעל באַאַרבעט. בײַ דער באַאַרבעטונג ווערנ באַזײַטיקט די פעכ=שטאָפנ און אַנדערע שטאָפנ, וואָס זאַפנ ניט אײַנ קיינ סאַמענ. נאָכ דער באַאַרבעטונג קאָנענ שוינ די קוילנ א סאַכ אַקטיווער אײַנזאַפנ די סאַמ=שטאָפנ. דערפאַר טאַקע רופט מענ די קוילנ, וואָס געפינענ זיכ אינעמ שאַכטל פונעמ קעגנגאַז, אַקטיווירטע קוילנ.

די אַקטיווירטע קוילנ זאַפנ אינ זיכ אײַנ זייער גוט די דאַמפנ פונ איפריט און כלאָראָפיקרינ.

דאָכ זײַנענ פאַראַנ סאַמ=שטאָפנ, וואָס די אַקטיווירטע קוילנ קאָנענ זיי ניט אײַנזאַפנ. אײניקע זאַפנ זיי קלאָל ניט אײַנ, און אַנדערע „שפרינגענ אַדורכ" ווײַטער. קעדיי ניט צו לאָזנ אַזוינע גאַזנ „דורכשפרינגענ", איז אינעמ שאַכטל געמאַכט געוואָרנ א כימישער אײַנזאַפער.

געווײנלעכ זײַנענ עס גרײַפעלעכ, אינ וועלכע ס'איז פאַרײניקט געלאָשענער קאַלכ, עטעריקער נאַטרי, צעמענט און א ספעציעלער סאָרט פאָרנהאַפטיקע

עדר — קיזלגור. דער עסעריקער גאטרי און דער געלאָשענער קאלכ בילדנ גאטרירטנ קאלכ, וואָס באזיצט די פייקייט צו פאַרייניקנ זיכ מיט א רייי סאמ=שטאָפנ און אנטשעדיקנ זיי. דער גאטרירטער קאלכ פאַרמאָגט נאָכ איינע א ווערטפולע אייגנשאפט — ער פאַרהאלט די כימישע פאַרייניקונגענ, וואָס ווערנ באקומענ דורכ דער קעגנזייטיקער כימישער ווירקונג פונ אייניקע סאמ=שטאָפנ מיט דער פייכטקייט, וועלכע איז דאָ אינ די אקטיווירטע קוילנ. די דאָזיקע פאַרייניקונגענ זיינענ שעדלעכ פאַרנ מענטשנס אָרגאניזמ.

צומ ביישפּיל — פאָסגענ. קומענדיק אינ א רעאקציע מיט פייכטקייט, פאלט זיכ דער פאָסגענ טיילווייז פאַנאנדער, אויסבילדנדיק קוילנזויער=גאז און כלאָרישנ וואסערשטאָפ, וואָס ווערט שלעכט איינגעזאפּט דורכ די קוילנ. דער כימישער איינזאפּער באשיצט פונעמ כלאָרישנ וואסערשטאָפ, וואָס ווירקט שטיקנדיק און אופרייצנדיק.

דער צעמענט גיט צו די קערנער פונעמ כימישנ איינזאפּער פעסטקייט, דער קיזלגור — א גרויסע פאָרנהאפטיקייט [1].

די קלאפּאנ=סיסטעמ העלפט באדייטנדיק מיט, אז די ארייגעאָטעמטע לופט זאָל וואָס ווייניקער קאליע ווערנ פונעמ קוילנזויערס, וואָס דעמ מענטשנס אָרגאניזמ טיילט אויס באמ ארויסאָטעמענ. ווענ עס וואָלטנ ניט געווענ די קלאפּאנעס, וואָלט די לופט באמ ארייגאָטעמענ געגאנגענ מיטנ זעלבנ וועג, וואָס עס גייט די לופט באמ ארויסאָטעמענ, און אויסמישנדיק זיכ מיט דער איבערגעפירטער לופט, וואָלט זי אינ זיכ אנטהאלטנ א גרויסנ פּראָצענט קוילנזויערס און וואסער=דאמפּ און וואָלט סאָפּקאָלסאָפּ פאַרשווועריקט דאָס עטע=

---

1 כוצ דעמ באשריבענעמ טיפ קעגנגאז־שאכטל זיינענ צווישנ דער ציווילער באפּעלקערונג פאַרשפּרייט קעגנגאזנ, ווו די שיכטנ אבסאָרבירער זיינענ אינ דעמ שאכטל אויסגעלייגט עטוואָס אנדעש, דערונטער זיינענ ברייט פאַרשפּרייט די שאכטלעכ, וו די שיכטנ ליגנ אזוי: דער אונטערשטער שיכט — אקטיווירטע קוילנ; דער צווייטער שיכט — כימישער אבסאָרבירער; דער דריטער שיכט — קעגנרויכ־פילטער, און דער פערטער שיכט, דער אייבערשטער — ווידעראמאָל אקטיווירטע קוילנ.

אָדער: דער אונטערשטער שיכט — קעגנרויכ־פילטער, דער צווייטער שיכט — כימישער אבסאָרבירער, און דער דריטער, דער אייבערשטער שיכט — אקטיווירטע קוילנ.

אומאָפּהענגיק פונ דעמ, ווי עס ליגנ די שיכטנ, זיינענ די אלע קעגנגאז־מאסקעס א זיכערע שוצ קעגנ די סאמ־שטאָפנ.

טענ. כוץ דעמ דערלאָזט ניט די קלאפּאנ-סיסטעמ, אז די ארויסגעאָטעמטע לופט זאָל ארײַנדרינגענ אינ שאכטל פונעמ קעגנגאז, אונ באזײַטיקט די שעדלעכע ווירקונג פונ דער דאָזיקער לופט אפנ אײַנזאפּער.

ביידע קלאפּאנעס זײַנענ אײַנגעמאָנטירט צוזאמענ מיט דער פּארטײלונגס-קאמער אינעמ העלדזל פונ דער מאסקע. אינ דער קאמער זײַנענ דאָ צוויי עפענונגענ: איינע — אפ ארײַנאָטעמענ, מיט אנ אײַנגעפּאסטנ שטוצער, זי איז, הייסט עס, פּארייניקט מיטנ גאָפרירטנ רערל; די צווייטע — אפ ארויסאָטעמענ. די לעצטע איז א קלענערע. איבער דער ארײַנאָטעמ-עפענונג איז געמאכט א בלעכנ לײַסטל מיט א קורצער שפּאָנקע אונ מיט א קליינ גומענע רייפל. אָט דאָס גומענע רייפל איז עס דער ארײַנאָטעמ-קלאפּאנ. באמ אײַנאָטעמענ הייבט זיכ דאָס רייפל עטוואָס אופ אונ לאָזט דורכ די לופט. באמ ארויסאָטעמענ מאכט דאָס רייפל צו די עפענונג, ניט לאָזנדיק, אז די ארויסגעאָטעמטע לופט זאָל גייג אינ שאכטל.

דער ארויסאָטעמ-קלאפּאנ באשטייט פונ צוויי גומענע פּלאסטינקעס, וואָס זײַנענ איינע מיט דער אנדערער פּארייניקט דורכ פיר צונויפגעקלעפּטע „לאפּקעס". די אייבערשטע פּלאסטינקע האָט א קורצ גומענ רערל מיט א געציינטער אליומיני-הילזע, וואָס פּארייניקט דעמ ארויסאָטעמ-קלאפּאנ מיט דער פּארטײלונגס-קאמער. באמ ארויסאָטעמענ גייט די לופט אינ רערל, דריקט אפ דער אונטערשטער פּלאסטינקע אונ ציט זי אָפּ אראָפּ-צו. די עפענונגענ צווישנ די צוויי פּלאסטינקעס עפענענ זיכ אופ, אונ די ארויסגעאָטעמטע לופט גייט ארויס אפ דער פרײַ. באמ ארײַנאָטעמענ פּארבלײַבנ ביידע פּלאסטינקעס פעסט צוגעדריקט איינע צו דער אנדערער אונ לאָזנ ניט דורכ די לופט פונ דרויסנ ארונטער דער מאסקע.

דער קעגנגאז איז א זיכערע שוץ פונ אלע סאמ-שטאָפנ, וואָס זײַנענ איצט באוווסט, אכוץ פונ קוילנשטאָפ-אָקסיד. צומ באשיצנ זיכ פונ קוילנשטאָפ-אָקסיד זײַנענ קאָנסטרויִרט ספּעציעלע איזאָלירנדיקע קעגנגאזנ אָדער ספּעציעלע פילטרענ.

ביז אהער איז אָבער קוילנשטאָפ-אָקסיד נאָכ פונ קיינעמ ניט באנוצט געוואָרנ אלס קריגס-סאמ, מאכמעס דאָס באנוצנ אימ איז פּארבונדנ מיט א רײ שוועריקײַטנ.

ווי לאנג די שוץ-ווירקונג פונעמ קעגנגאז קאָנ אָנהאלטנ, — דאָס ווענדט

זיכ פונ די אײַנגשאפטנ פונ די סאמ-שטאָפנ, פונ װעלכע ער דארפ אָפּרײניקנ די לופט, אונ אויכ פונ דער קאָנצענטראציע פונ די סאמ-שטאָפנ אינ יעדנ פאל באזונדער. װאָס מער סאמ-שטאָפנ עס זײַנענ דאָ אינ דער לופט, אלצ גיכער װעט דער קעגנגאז פארלירנ די פײַיקײַט צו באשיצנ אײַכ פונ זײ. אינ געװײנלעכע פעלד-באדינגונגענ קאָנ מענ זיכ מיטנ קעגנגאז באשיצנ פונ סאמ-שטאָפנ פונעמ טיפ פאָסגענ אינ פארלויפ פונ עטלעכע שאָ, אונ פונ די איפריט-דאמפנ — א סאכ לענגער.

איר האָט געקראָגנ א נײַעמ קעגנגאז

איז פריער פונ אלצ באזײַטיקט דאָס קארטאָנדל, װאָס פארמאכט די אונטערשטע עפענונג, שרויפט אָפ דאָס מעטאלענע קעפל, װאָס איז ארופגעשרויפט אפנ העלדזל פונעמ שאכטל.

אצינד פארײניקט דאָס שאכטל מיט דער גאָפרירטער רער — די אופגעזעצטע מוטערקע פונ דער רער פארשרויפט ביז צו לעצט אפנ העלדזל פונעמ שאכטל, אָבער דערבײַ אזוי, אז דער ארויסאָטעמ-קלאפאנ פונ דער מאסקע זאָל קוקנ אינ דער קעגנזעצלעכער זײַט פונ דער נאָט פונעמ קעגנגאז-שאכטל.

װענ איר האָט דעמ נײַעמ קעגנגאז צונויפגעשטעלט, װישט אויס די לינקע זײַט פונ דער מאסקע מיט א רײנ שטיקל װאטע; די מאסקע איז פונ אינוויניק באשאָטנ מיט טאלק, דארפט איר, הײסט עס, זענ, אז באמ אָנטאָנ די מאסקע זאָל אײַכ דער טאלק ניט פארשטויבנ די אויגנ, װאָרעמ ער װעט ארויסרופנ אנ אופרײצונג. װענ איר באקומט א קעגנגאז-מאסקע, װאָס איז שוינ געװענ אינ באנוצ, זאָלט איר זי אומבאדינגט דעזינפיצירנ: די לינקע זײַט פונ דער מאסקע אונ פונעמ קלאפאנ-שאכטל זאָלט איר אויסװישנ מיט א שטיקל װאטע, אײַנגעטונקט אינ דענאטורירטנ ספירט.

װענ איר באקומט א קעגנגאז, קלײַבט צו די פאסיקע מאָס. מאָסנ זײַנענ דאָ פיר. די ערשטע מאָס איז די קלענסטע, די פערטע מאָס — די גרעסטע. אפ צו באשטימענ די גרײס נעמט א געװײנלעכע סאנטימעטער-סטענגע אונ מעסט אויס דעמ קאָפ אפ צװײ ליניעס:



וויאזוי מע מעסט אויס דעם קאָפּ, קעדיי פעסטצושטעלן, פון וואָסער מאָס עס דארף זיין דער העלם (די מאסקע).

א) אפ דער ליניע, וואָס פאַרייניקט די אויערן־כאָלעלס און גייט דורך אי־בער די ברעמען;

ב) אפ דער קרייזליניע, וואָס גייט דורך איבער די באקן, איבערן שפּיצ־קין און דורכן העכסטן פּונקט פון קאָפּ.

די רעזולטאטן פון די דאָזיקע צוויי אויסמעסטונגען לייגט צונויף, און אויב די סומע באטרעפט 95 סאנטימעטער, באדארפט איר האָבן א מאסקע פון דער ערשטער מאָס.

בא א סומע פון 95,5 ביז 99 סאנטימעטער באדארפט איר די צווייטע מאָס.

בא א סומע פון 99,5 ביז 103,5 סאנטימעטער — די דריטע מאָס.

בא א סומע פון 104 סאנטימעטער און מער — די פערטע מאָס.

אָנגעטאָן די מאסקע, דארפט איר זען, זי זאָל ליגן גוט צום געזיכט און צום קאָפּ. דערצו דינען די שפּראָנזקעס אפ די טאשמעס. די ראנדן פון דער מאסקע דארפן ליגן שטייף צום פּאָנעם, זיי דארפן אָבער ניט קוועטשן. צי די מאסקע איז ריכטיק צוגעקליבן און צי ליגט זי גוט אפן פּאָנעם, דארף מען דורכקאָנטראָלירן אין דער גאזבארייכערונגס־קאמער.

וואָס דארפ מענ טאָנ בייס באדראָונגס־צושטאנד

ווענ עס ווערט דערקלערט באדראָונגס=צושטאנד, מוז יעדער בירגער האָבנ דעמ קעגנגאז ארומ זיכ אונ, ארויסגייענדיק פונ שטוב, טראָגנ אימ אינ א מארש=לאגע: די איקסל=טאשמע פונעמ קעגנגאז=רענצל דארפ מענ אָנטאָנ אריבערנ רעכטנ אקסל איבער די אייבערשטע קליידער; דאָס רענצל וועט זיכ אזוי־ארומ געפינענ אפ דער לינקער זייט, אונ זיינ אייבערשטער ראנד — אפ איינ הייכ מיטנ גארטל.

גיט אכטונג, אז דער קלאפאנ פונעמ רענצל זאָל בלייבנ פארשפיליעט.

ווענ עס דערהערט זיכ דער סיגנאל „לופט=אליארמ“ אָדער די קאָמאנדע „די קעגנגאזנ — צו שלאכט“, פירט אריבער דעמ קעגנגאז אינ דער לאגע „גרייט“. שפיליעט אָפ דעמ קלאפאנ פונעמ קעגנגאז=רענצל, נעמט ארויס פונעמ רענצל דעמ שנור.

דעמ שנור פונעמ קעגנגאז=רענצל וויקלט ארומ ארומ דער טאליע אונ פעסטיקט צו פארנ רעכטנ רונג.

ווינטער, אויב אייער היטל איז מיט בענדלעכ, איז בינדט זיי אָפ, מע זאָל דאָס היטל נאָכדעמ קאָנענ גרינג אויסטאָנ.

פארגעסט ניט ארומפירנ די ברילנ פונ דער מאסקע מיטנ ספעציעלנ „בלייפעדער“, וואָס ליגט אינ רענצל. נעמט די מאסקע, ווישט אויס די ברילנ פונ אינווייניק מיט א ריינער שמאטקע (אָדער מיטנ נאָזטיכל), ביז זיי וועלנ ווערנ אבסאָליוט דורכזיכטיק. נאָכדעמ נעמט דעמ „בלייפעדער“ אונ צייכנט מיט אימ אָנ אפ די ברילנ=גלעזלעכ פונ אינווייניק 4—5 ניט קיינ ברייטע שטריכנ אינ דער פאָרמ פונעמ רוימישנ ציפער III, גיט אפ זיי ניט שטארק א הויכ אונ רייבט זיי פאָרזיכטיק פאנאנדער מיטנ קישעלע פונ א ריינעמ פינגער. אפנ גלאָז וועט דאנ ווערנ א דינ דורכזיכטיק הייטל, וואָס לאָזט ניט, אז די ברילנ פונ דער מאסקע זאָלנ פארשוויצט ווערנ. די פאסטע דארפ מענ זייער גוט פאנאנדערייבנ אפנ גלאָז.

ווענ עס ווערט געגעבנ דער סיגנאל „כימישער אליארמ“ אָדער די קאָמאנדע „גאזנ“, ווי אויכ אינ אלע פאלנ, ווענ איר דערוויסט זיכ אליינ, אז עס זיינענ געלאָזט געוואָרנ סאמ=שטאָפנ, — טוט אָנ דעמ קעגנגאז.

וויאזוי דארפ מענ אָנטאָנ דעם קעגנגאז

האלט אײַנ דעם אָטעם, נעמט אָנ די מאסקע אינ רענצל פאר די גרעבע־רע ראנדנ פונ דער קינ־נאָט אזוי, אז די גראָבע פינגער זאָלנ זײַנ פונ דרויסנ, די איבעריקע — אינעווייניק אינ דער מאסקע.

ווײַטער נעמט ארויס די מאסקע פונ רענצל, צעציִענדיק זי, אונ טראָגט זי שנעל צו צום געזיכט.



א קעגנגאז אינ דער לאגע „האלט גרייט" (לינקס)
אונ אינ דער „שלאכט־לאגע" (רעכטס)

אצינד לייגט צו דעם קינ־טייל פונ דער מאסקע מיט דער לינקער זײַט צו אײַער קינ אונ טוט זי אָנ. צוליב דעם רוקט איבער די פינגער אונטער די אונטערשטע טאשמעס פונ אונטנ ארופ; ווענ די פינגער וועלנ דערגייִנ ביזנ היטל, הייבט דאָס היטל אונטער, צוהאלטנדיק דעם דאשעק מיט די גראָבע פינגער אונ מיט די ציַיג־פינגער, אונ מיט די איבעריקע פינגער ציט אָנ אפנ קאָפּ די טאשמעס מיטנ נאקנהאלטער. די טאשמעס זאָלט איר אומבאדינגט אונטערציִענ נאָכ אײַער מאָס נאָכ.

אנגעטאן די מאסקע, לאזט אראפ דאס היטל, עטעמט מיטאמאל ארויס די לופט און הייבט אן עטעמען רעגלמעסיק.

זעט, אז דער קעגנגאז זאל זײַן אנגעטאן ריכטיק: די ברילן פון דער מאסקע דארפן אויסקומען פונקט אנטקעגן די אויגן, די טאשמעס טארן ניט זײַן פארדרייט און דארפן ליגן שטײַף צום קאפ.

די מאסקע דארף ליגן שטײַף צום געזיכט.

עטעמען דורכן דער מאסקע דארף מען אזוי, ווי אן דער מאסקע: דורך דער נאז, רויק און טיף.

קענען אנטאן דעם קעגנגאז איז נאך אבער ווייניק. מע דארף נאך קענען פארבלײַבן אין אים א לענגערע צײַט, ניט פארלירנדיק דערבײַ די ארבעטס-פייִקײַט. עס קאן טרעפן, אז דער לופט-כימישער אנפאל זאל דויערן עטלעכע שא. אפשטעלן אבער די נארמאלע ארבעט איז ניט דערלאזבאר.

איר דארפט זיך אומבאדינגט אויסלערנען ארבעטן אין א קעגנגאז, יעדנ-פאלס, ניט ווייניקער פון 1—2 שא. און ס'איז גאר ניט אזוי שווער. אויב איר וועט זיך רעגולער איבן, לאמיר זאגן, א כאדאשים 2—3, וועט פאר אײַך גאר ניט זײַן שווער ארומצוגיין א פאר שא אינעם קעגנגאז.

ווען עס פעלט סיסטעמאטישע געניטונג, איז, פארשטייט זיך, שווער צו ארבעטן אינעם קעגנגאז.

אראפנעמען דעם קעגנגאז נאכן סיגנאל „כימישער אליארם" אדער נאך דער קאמאנדע „גאזן" מעג מען נאר מיט דער דערלויבעניש פון פאראנט-ווארטלעכע פערזאנען פון „פווא".

וויאזוי אראפצונעמען דעם קעגנגאז

מיט דער רעכטער האנט הייבט ארונטער דעם הוט, מיט דער לינקער נעמט אן דעם שטוצער פון דער מאסקע אזוי, אז דער גראבער פינגער און דער צײַג-פינגער זאלן ארומכאפן דאס העלדזל פון דער מאסקע. אצינד, אפ-ציִענדיק עטוואס די מאסקע אראפ-צו, באפרײַט ארויס די קין און נעמט זי אראפ, די מאסקע, פון קאפ מיט א באוועגונג פון דער האנט אין דער הייך. נאכדעם קאן מען ווידער אנטאן דעם הוט.

קעדיי אויסצוטריקענענ דעמ קעגנגאז, קערט איבער די מאסקע אפ דער לינקער זײַט, ווישט זי אויס אפ טרוקנ מיט א טיכעלע אונ לאָזט זי איבער אינ אזא צושטאנד אפ א קורצער צײַט.

ווענ דער קעגנגאז איז אויסגעטריקנט, לייגט אימ צוריק ארײַנ אינ רענצל. טאָנ דארפ מענ דאָס אזוי:

ווי אזוי מע טוט אָנ דעמ קעגנגאז.

נעמט אָנ די מאסקע מיט דער רעכטער האנט פאר די ברילנ, אונ מיט דער לינקער פארנ נאקנהאלטער. בייגט איבער די מאסקע צוערשט אינ דער לענג, פארמאכנדיק דאָס רעכטע גלאָז, דערנאָכ אינ דער קווער, פארמאכנדיק דאָס לינקע גלאָז מיטנ נאקנהאלטער. אצינד בייגט איבער די מאסקע צומ לעצטנ מאָל ארומ העלדזל (פונ זיכ). צודריקנדיק די צונויפגעלייגטע מאסקע מיט דער רעכטער האנט צומ שטוצער, נעמט אָנ מיט דער לינקער האנט די גאָפירטע רער פארנ מיטנ אונ לייגט זי ארײַנ אינ רענצל ביזנ דעק, אײַנלײַגנדיק פונ אויבנ די מאסקע אזוי, אז איר קינ-טייל זאָל פארבלײַבנ אויבנ.

פארגעדענקט! דער קעגנגאז וועט אײַכ נאָר דאנ באשיצנ פונ סאמ-שטאָפנ, ווענ ער וועט זײַנ אינ פולשטענדיקער אָרדענונג אונ איר וועט אימ אָנטאָנ צו דער צײַט אונ ווי ס׳געהער צו זײַנ.

395—3



וויאזוי מע לייגט צונויף א קעגנגאז מיט א מאסקע.

לערנט זיך אויס דאָס צו טאָן, ס'איז גאָר ניט שווער מע דאַרף זיך נאָר א ביסל צופּראַקטיקירן, וועט איר זיך אויסלערנען אָנטאָן דעם קענגגאַז ניט מער ווי פאַר 5 סעקונדעס.

זעט, אז דער קענגגאַז זאָל זײַן אין אָרדענונג, ניט אָפּ אים אכטונג. האַלטן דאַרף מען אים, דעם קענגגאַז, אין א טרוקן אָרט, אָבער ניט לעבן אויוון, ווײַל פון צופיל וואַרעמקײַט קאָן די גומי איבערגעטריקנט ווערן און פאַרלירן אירע שוץ־אייגנשאַפטן. בעסער פאַר אַלץ איז אופהענגען דעם קענג־גאַז אָפּ א הענגער פאַר דער שפּראָנזיקע אָדער אוועקשטעלן אָפּ א פּאָליצע אין א ווערטיקאַלער לאַגע, מיטן דעק אָפּ אונטן.

אויב דאָס רענצל האָט זיך דורכגעווייקט אָפּן רעגן אָדער אויב ס'איז פּײַכט געוואָרן ווינטער־צײַט, נעמט פון דאָרט אַרויס דעם קענגגאַז, ווישט אויס זײַנע טיילן און טריקנט אויס דאָס רענצל. פּײַכטקײַט שאַדט דעם קענג־גאַז.

אין רענצל פונעם קענגגאַז טאָר מען אין קיין שום פאַל ניט לייגן קיין זײַטיקע זאַכן. דאָס קאָן קאַליע מאַכן די מאַסקע, און דער קענגגאַז וועט אײַך אופהערן צו באַשיצן פון סאַם־שטאָפן.

וואָס זאָל מען טאָן, ווען עס ווערט פּלוצעם קאַליע דער קענגגאַז

ביים א לופט־אָנפאַל האָט זיך בא אײַך צעריסן די מאַסקע אָדער דאָס גאָפרירטע טרײַבל פון אײַער קענגגאַז, אָדער עס איז צעשעדיקט געוואָרן דאָס שאַכטל און קיין אנדער קענגגאַז האָט איר ניט. וואָס זאָל מען טאָן אין אַזא פאַל? ווען מע ווייסט אייניקע קלאָלים פון באַנוצן זיך מיט אן איבערגעפירטן קענגגאַז, קאָן מען זיך האַלב באַשיצן פון די סאַם־שטאָפן.

האָט זיך בא אײַך צעריסן די מאַסקע, פאַרקוועטשט פעסט מיט די פינגער אָדער דריקט צו מיט דער דלאָניע צום פּאָנעם דאָס צעריסענע אָרט.

אויב אָבער די מאַסקע איז צעריסן אַזוי, אז פאַרקוועטשן מיט דער האַנט דאָס צעריסענע אָרט איז אומעגלעך, אָדער אויב עס זײַנען צעבראָכן די ברילן, אָדער עס איז צעריסן דאָס גאָפרירטע טרײַבל, האַלט אײַן דעם אָטעם, פאַרזשמורעט די אויגן, נעמט שנעל אַרויס דאָס קענגגאַז־שאַכטל פון דעם

טאש, שרויפּט עס אָפּ פונ דעמ פארייניקונגס=טרײבל, נעמט אראָפּ די מאסקע אונ נעמט ארײנ דאָס העלדזל פונעמ קעסטל אינ מויל, פארקוועטשט מיט די פינגער די נאָז אונ אָטעמט רויִק גאָר מיטנ מויל.

דאָס זעלבע דארפ מענ טאָנ, אויב עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז עס איז צעשעדיקט דער ארײנאָטעמונגס=קלאפּאנ אונ דורכ אימ גייענ ארײנ די סאמ=שטאָפּנ.

ווענ עס איז דורכגעהאקט דאָס שאכטל, נעמט עס ארויס פונ טאש, פארקוועטשט די לאָכ מיט דער האנט אונ בא דער ערשטער געלעגנהײט פארשמירט זי מיט לײמ, מיט געקנאָטנ ברויט אדגל.

ווי באשיצט מענ פונ פארסאמונג פראָדוקטנ אונ וואסער

דערנערונגס=פראָדוקטנ אָדער וואסער, אָנגעשטעקטע מיט סאמ=שטאָפּנ, באזונדערס מיט שטאנדהאפטיקע סאמ=שטאָפּנ זײנענ זייער געפערלעכ פארנ מענטשנ. פראָדוקטנ אָדער וואסער, וואָס זײנענ אָנגעשטעקט מיט סאמ=שטאָפּנ, טאָר מענ ניט נוצנ. דעריבער איז זייער וויכטיק צו וויסנ, וויאזוי מע זאָל דאָס וואסער אונ די שפּײז=פראָדוקטנ אָפּהיטנ פונ אָנשטעקונג. דאָס איז ניט שווער צו טאָנ מיט דער הילפ פונ באהילפיקע מיטלענ. וואסער, פליסיקע אונ זאמדיקע פראָדוקטנ, צומ בײשפּיל, בוימל, צוקער אדגל. דארפ מענ האלטנ אינ מעטאלענע אָדער גלעזערנע געפעס, וואָס פארמאכנ זיכ פעסט, צומ בײשפּיל— אינ פלעשער, סלויענ, גראפינענ, בידאָנענ.

באמ פארמאכנ די פלעשער, בידאָנענ אונ סלויענ פארגעסט ניט ארומוויקלענ דעמ פראָפּנ (דאָס דעקל) מיט דורכגעפעטסט פאפּיר אָדער מיט פערגאמענט=פאפּיר. אפּ אזא אויפנ וועט איר הערמעטיזירנ דאָס געפעס, אונ די סאמ=שטאָפּנ וועלנ ניט צוקומענ צו די פראָדוקטנ אָדער צומ וואסער.

קעדיי צו באשיצנ פראָדוקטנ פונ דער ווירקונג פונ די סאמ=שטאָפּנ, קאָנ מענ נאָכ כוץ דעמ אויסנוצנ פאקעטנ פונ פערגאמענט=פאפּיר אָדער דורכגעייִלטנ פאפּיר אונ הילצערנע קעסטלעכ אָנ שפּאלטנ, מיט דעקלעכ, וואָס פארמאכנ זיכ שטײפ. קעדיי צו פארהיטנ ברונעמס פונ אָנשטעקונג, דארפ מענ אומבאדינגט מאכנ אפּ זיי הילצערנע דעקלעכ אונ דעכלעכ, וואָס זאָלנ זיכ שטײפ פארמאכנ. דאָס וועט פארהיטנ דאָס ברונעמ=וואסער פונ אנ אָנ=

שטעקונג אפילע אינ דעמ פאַל, אויב דער סוינע וועט באַגיסנ די געגנט מיט שטאַנדהאַפטיקע סאַמ=שטאָפנ פונ ספּעציעלע אַוויאַציע=אַפּאַראַטנ, וואָס שטייענ אפ די אעראָפּלאַנענ.

ערשטע הילפ די מענטשנ, וואָס האָבנ געליטנ פונ א לופט=אָנפאַל

נאָכ א לופט=אָנפאַל, נאָכ א כימישנ אָנפאַל קאָנענ זײַנ פאַרווונדעטע, קאָנענ זײַנ געליטענע פונ סאַמ=שטאָפנ.

איר ווייסט, ווי גרויס עס איז די צאָל קאָרבאָנעס פונ די לופט=באָמבאַרדירונגענ אינ די מילכאָמע=האַלטנדיקע לענדער. די אָפיציעלע ענגלישע אָנגאַבנ ריידנ וועגנ דעמ, אז די צאָל פאַרווונדעטע צווישנ דער ציווילער באַפעלקערונג טרעפט אָנ אינ די צענדליקער טויזנטער.

פונ דעמ, צי דער פאַרווונדעטער וועט באַצײַטנס באַקומענ הילפ, איז אָפט אָפּהענגיק זײַנ לעבנ. וואָס פאַר א גרויסע, וואָס פאַר א בעקאָוועדיקע אופגאַבע דאָס איז — ראַטעווענ א סאָוועטישנ מענטשנ דאָס לעבנ! יעדער איינער מוז וויסנ, וואָס באַדאַרפ ער טאָנ, קעדיי צוצוגרייטנ זיכ צומ אויספילנ אזא וויכטיקע אופגאַבע. מילכאָמע ברענגט אומפאַרמײַדלעכע פאַרלוסטנ, מיר קאָנענ אונ מיר דאַרפנ אָבער מאַכנ אזוי, אז די פאַרלוסטנ זאָלנ זײַנ מינימאַלע.

די באַדײַטונג פונ געבנ ערשטע הילפ די מענטשנ, וואָס זײַנענ פאַרווונדעט געוואָרנ אָדער וואָס זײַנענ אָפּגעסאַמט געוואָרנ פונ גאַזנ, אונ דערמיט פאַרהיטנ זיי דאָס לעבנ — איז זייער גרויס. די אופגאַבע איז קומענ מיט דער הילפ וואָס שנעלער, ניט וואַרטנדיק אפ קיינ דאָקטער. א ביסעלע קענטעניש, א ביסעלע געניטקייט — אונ איר וועט דערגרייכנ אײַער ציל.

וואָס מע טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסנ

יעדער איינער, וואָס קומט צו הילפ א געליטענעמ, דאַרפ פעסט פאַרגעדענקענ פאָלגנדיקע קלאָלימ:

זײַט ניט צעטראָגנ! טוט אײַער זאַכ שנעל, זיכער, אנטשלאָסנ אונ רויִק.

באטראכט אויפמערקזאמ דעמ געליטענעמ, מאכט פאר אײַכ קלאָר זײַנ צו-שטאנד. באשטימט, אינ וואָס ער נײטיקט זיכ.

ערשטע הילפ א פארווונדעטנ

דער באנדאזש-מאטעריאל. קלאָר, אז דער מאטעריאל, וואָס דארפ די-נענ פאר א באנדאזש, מוז אומבאדינגט זײַנ א רײנער, ער זאָל אינ זיכ ניט אנטהאלטנ קײנ מיקראָבנ, אניט קאָנ דער באנדאזש אלײנ אָנשטעקנ די וווּנד.

מילכאָמע-צײַט דארפ בא זיכ יעדער בירגער האָבנ א באנדאזש-פאקעט פונ ערשטער הילפ. דער באנדאזש באשטײט פונ א בינט אונ פונ צווײ קישעלעכ. יעדעס קישעלע איז צונויפגענײט דורכאנאנד פונ עטלעכע שיכטנ מארליע אונ וואטע. אײנ קישעלע איז צוגענײט צומ עק פונעמ בינט, דורכנ צווײטנ איז דער בינט דורכגעצויגנ אזוי, מע זאָל דאָס קישעלע קאָנענ איבערוקנ לענגאויס דעמ בינט.

אונטערנ פאלד פונעמ פאפיר, אינ וועלכנ דער באנדאזש-מאטעריאל איז אײַנגעפאקעוועט, וועט איר געפינענ א זיכערשפּילקע. נאָכנ איבערבינדנ די וווּנד דארפ מענ מיט דער שפּילקע פארפעסטיקנ דעמ עק פונעמ בינט.

אויב ס'איז קײנ פאקעט ניטאָ, נוצט אויס רײנעמ פריש-אויסגעפרעסטנ צײַג, א האנטעכ, א טיכל.

קעדײ פאנאנדערצווויקלענ דעמ פאקעט, ציט ארויס דעמ שווארצנ פאָדעמ (בעשומ אויפנ ניט דעמ ווײַסנ, וואָס מיט אימ איז דורכגענײט די צײַג-דעקע), נעמט אראָפּ די דעקע. אצינד רײַסט אָפּ דעמ אײבערשטנ אָנגעשניטענעמ ראנד פונ דער גומירטער דעקע, ציט זי אראָפּ, די דעקע, נעמט ארויס פונ אונטערנ פאלד פונעמ פאק-פאפיר די זיכערשפּילקע אונ וויקלט אופ דאָס פאפיר. דאָרט וועט איר געפינענ דעמ באנדאזש.

וויאזוי ארופצולײגנ דעמ באנדאזש. פאנאנדערגעוויקלט דעמ פאקעט, דארפ מענ נעמענ דעמ בינט אינ דער רעכטער האנט, אונ מיט דער לינקער אָנכאפּנ דעמ עק בינט, צו וועלכנ עס איז צוגענײט דאָס קישעלע. טאָנ באדארפ מענ עס אזוי, מע זאָל בעשומ אויפנ ניט אָנרירנ, ניט פארשמוציקנ יענע זײַט פונ די קישעלעכ, וואָס דארפנ ארופגעלײגט ווערנ אפ דער וווּנד.

אָנרירנ מעג מענ בלויז די צווייטע זײַט, וואָס איז דורכגעשטאָכנ מיט א קאָלירטנ פאָדעם.

אויב די וווּנד איז אפ דורכ אונ דורכ, לייגט ארופ איינ קישעלע אפ דער ארײַנגאנג־עפענונג פונ דער וווּנד, אונ דאָס צווייטע רוקט איבער אונ לייגט עס ארופ אפ דער ארויסגאנג־עפענונג.

אויב די וווּנד האָט איינ עפענונג, דעקט זי צו מיט ביידע קישעלעכ איינס אפנ אנדערנ, אונ אויב די וווּנד איז א ברייטע — איינס לעבנ אנדערנ.

צוגעדעקט די וווּנד, פעסטיקט צו די קישעלעכ, דריקט זיי צו צו דער וווּנד מיט דער צווייטער זײַט בינט. קײַקלט דעמ בינט מיט דער רעכטער האנט פונ לינקס אפ רעכטס איבער די קישעלעכ.

דעמ פארוווּנדעטנ טייל קערפער, צומ בײַשפּיל די האנט, דעמ פוס, הייבט אונטער. דאָס פארקלענערט דעמ בלוט־שטורצ.

די קליידער, דאָס שוכווארג דארפ מענ פונעמ פארוווּנדעטנ טייל קערפער אראָפּנעמענ זייער פאָרזיכטיק. דעמ פּידזשאק, דאָס העמדל דארפ מענ אויס־טאָנ צוערשט פונ דער געזונטער האנט, דערנאָכ פונ דער צעשעדיקטער. די הויזנ, די גאטיעס נעמט אראָפּ צוערשט פונ דעמ געזונטנ, נאָכדעמ פונ דעמ קראנקנ פוס.

מע קאָנ אויכ די קליידונג ניט אראָפּנעמענ, נאָר אופשנײַדנ אינ נאָט. אויב ס'איז, צומ בײַשפּיל, שווער אראָפּצונעמענ דעמ שטיוול, ניט פארשאפנדיק קיינ שמערצנ דעמ געליטענעמ, איז בעסער שנײַדט אימ אופ אינ נאָט.

רירט ניט אָנ מיט דער האנט די וווּנד! וואשט זי ניט! שמירט זי ניט!

ווי אזוי דארפ מענ איבערבינדנ א פארוווּנדעטנ ווינטער־צײַט אינ דער קעלט. מע מוז דעמ פארוווּנדעטנ ארײַנטראָגנ אינ א ווארעמער געבײַ־דע. אויב אָבער עס מאכט זיכ, אז מע קאָנ דאָס ניט טאָנ אונ מע מוז דעמ פארוווּנדעטנ געבנ הילפ אפ דער קעלט, דאנ מוז מענ ארופלייגנ דעמ באנ־דאזש וואָס גיכער. דעקט ניט אָפ דעמ פארוווּנדעטנ, טוט אימ ניט אויס, ער קאָנ זיכ פארקילנ.

מיט א מעסער אָדער מיט א שער שנײַדט אופ דעמ בעגעד, וואָס איבער דער וווּנד, צענעמט די קאנטנ פונעמ אופשניט, דעקט צו די וווּנד מיט א באנדאזש אונ בינדט זי איבער אונטערנ בעגעד.

ווינטער איז באזונדערס וויכטיק ניט איבעריק שטײַפ איבערצובינדנ דעמ

פארוואונדעטנ. אז די האנט אָדער דער פוס זײַנען שטאַרק איבערגעבונדנ, קאָנ מענ זיי לײַכט אָפּפרירנ.

וויאַזוי אָפּצושטעלנ א שטאַרקנ בלוט־שטורצ. אז דער בלוט־שטורצ איז ניט קיינ גרויסער, קאָנ מענ אים לײַכט אָפּשטעלנ, אופהייבנדיק דעם פאר־וואונדעטנ טייל קערפּער (די האנט, דעם פוס) אָדער ארופלייגנדיק א שטײַפנ





באנדאזש. אויב אָבער דאָס בלוט שלאָגט פונעם צעשעדיקטנ גליד ווי א פאָנטאנ, איז ניט גענוג אופצוהייבנ דעם פארוואונדעטנ טייל קערפּער. מע דארפ נאָכ כוצ דעם צודריקנ די ארטעריע.

דאָס צודריקנ די ארטעריע מיט די פינגער. קעדיי אָפּצו־שטעלנ א שטארקנ בלוט־שטורצ, וואָס קאָנ דעם פארוואונדעטנ קאָסטנ דאָס לעבנ, מוז מענ טיי־קעפ צודריקנ מיטנ פינגער דאָס בלוט־געפעס (די ארטעריע), דורכ וועלכנ דאָס בלוט פליסט צו דער וואונד.

דאָס אָרט, ווו די ארטעריע געפינט זיכ, קאָנ מענ לײַכט פעסטשטעלנ לויטנ פולס, אָנטאפּנ מיט די פינגער.

פארציט ניט דעם פארוואונדעטנ גליד מיט קיינ שנור אָדער מיט קיינ שטריק, ווײַל דאָס קאָנ צעשעדיקנ די נערוונ.





צודריקנ די ווונד דארפ מענ מיט א זשגוט. צודריקנ די ארטעריע מיט די פינגער קאָנ מענ נאָר עטלעכע מינוט.

פאר די עטלעכע מינוט, וואָס איר האלט צו די ארטעריע מיט די פינגער, דארפ מענ געפינענ א האנטעכ, א קאָפּטיכעלע, א ברייטנ פאס, שלייקעס אונ מיט עפּעס־וואָס פונ אָט די זאכנ, אזוי ווי מיט א זשגוט, איבערצי:ענ די האנט אָדער דעמ פוס — צודריקנ די ארטעריע.



דער אויפנ פונ צודריקנ די ווונד מיט א „פארדרייער". גיט א קוק אפנ געמעל. דאָ איז באוויזנ זייער א באקוועמער אויפנ, וויאזוי צוצודריקנ א ווונד. דער דאָזיקער אויפנ הייסט „זאקרוטקא" — פארדרייענ, הייסט עס. בינדט ארומ דעמ פארווונדעטנ גליד, פונ וועלכנ ס'פליסט בלוט, מיט א קאָפּטיכעלע אָדער מיט א האנטעכ, אונ־טערנ קניפּל שטעלט אונטער א שטעקעלע אונ פארדרייט עס צוזאמענ מיטנ קניפּל אינ איינ זייט, ביז דער בלוט־שטורצ וועט ניט אופהערנ.

ערשטע הילפ בא א בראנד־ווונד

אייך קאָנ נאָך אויך אויסקומענ געבנ ערשטע הילפ, ווענ א מענטש בא־קומט א בראנד־ווונד. א בראנד־ווונד באקומט מענ גאנצ אָפט בייסנ אופרייס פונ באָמבעס אונ באמ לעשנ סרייפעס.

פונ א שטארקנ ברי ווערט די הויט ניט נאָר רויט אונ געשוואָלנ, נאָר זי באדעקט זיך מיט בלאָטערס, אָנגעפילטע מיט א דורכזיכטיקער געלבלעכער פליסיקייט. אזא מינ בלאָטער טאָר מענ בעשומ אויפנ ניט דורכשטעכנ, ווייל דערמיט וועט איר נאָר עפענענ דעמ וועג פאר מיקראָבנ, וועלכע קאָנענ ארויס־רופנ א יאטערונג. לייגט ארופ אפנ אָפּגעבריטנ אָרט א סטערילנ באנדאזש; אויב ס'איז ניטאָ אזא באנדאזש, בינדט זי איבער מיט א ריינ טיכל, איינגע־טונקט אינ ספירט, אינ בראנפנ אָדער אינ א צעלאָז פונ מארגאנצ־זויערנ קאלי.

עס קאָנענ זיינ אויך אזוינע טיפע אונ שטארקע בראנד־ווונדנ, אז די הויט

אונ די געוועבנ אונטער זיי זאָלנ פארקוילט ווערנ, אָפשטארבנ בא אזעלכע בראנד-ווונדנ פאָדערט זיכ די הילפ פונ א דאָקטער אינ שפיטאָל. פאר דעמ מוז מענ אָבער איבערבינדנ דאָס פארווונדעטע אָרט מיט סטערילנ מאטעריאל. באשמירנ אָדער באנעצנ מיט עפעס-וואָס טאָר מענ ניט אזוינע בראנד-ווונדנ.

מע מוז געדענקענ, אז אפילע אנ אויבנופיקע בראנד-ווונד, וויבאלד זי פארנעמט אָבער א היפש שטיק אָרט, קאָנ זי זײַנ א סאקאָנע פארנ לעבנ. א מענטשנ מיט א סאכ בראנד-ווונדנ אפנ לײַב מוז מענ אײַנוויקלענ אינ א רײַנעמ לײַלעכ, איבערדעקנ מיט א ווארעמער קאָלדרע אונ אוועקפירנ אינ שפיטאָל.

אויסטאָנ אימ דארפ מענ זייער פאָרזיכטיק, קעדיי ווי ווײַט מעגלעכ לינדערנ זײַנ ווייטעק. רײַסט ניט אָפ די קליידער, ווענ זיי זײַנענ צוגעסמאליעט צו דער הויט, עפנט ניט אופ די בלאָטערס אפ דער הויט, נאָר שנײַדט ארומ די קליידער בא די ראנדנ.

א מענטש מיט בראנד-ווונדנ מוז מענ געבנ א סאכ צו טרינקענ הייסע טיי אָדער קאווע.

אויב דער מענטש איז ארומגעכאפט פונ א פלאמ, דארפ מענ פארלעשנ דאָס פײַער, פעסט צודעקנדיק דעמ פלאמ מיט א רעקל, מיט א קאָלדרע, מיט א מאנטל, אונ גיסנ אפ דעמ מענטשנ וואסער.

די ווירקונג פונ סאמ־שטאָפנ אפנ אָרגאניזמ

קעדיי צו וויסנ ווי צו הילפ קומענ דעמ מענטשנ, וואָס האָט געליטנ פונ סאמ-שטאָפנ, מוז מענ וויסנ, ווי זיי ווירקנ אפנ מענטשנס אָרגאניזמ.

לויט דעמ, ווי זיי ווירקנ אפנ אָרגאניזמ, קאָנ מענ די סאמ-שטאָפנ אײַנטיילנ אינ פיר גרופעס: א) סאמ-שטאָפנ פונ שטיקנדיקער ווירקונג; ב) פונ אלגעמיינ-גיפטיקער ווירקונג; ג) פונ אופרייצנדיקער ווירקונג; ד) פונ הויט-ווירקונג.

אייניקע סאמ-שטאָפנ קאָנענ אָבער גלײַכצײַטיק ארויסרופנ פארשיידענערליי פארגיפטונגענ. צומ בײַשפיל, ליוזיט — א סאמ-שטאָפ פונ הויט-ווירקונג — ווירקט ניט נאָר אפ דער הויט, אפ די אָטעמ-אָרגאנענ אונ אפ די

אויגן, נאָר, דורכדרינגענדיק אין בלוט, רופט ער אַרויס אַן אַלגעמיינע אָפּסאַמונג.

פון די סאַמען, וואָס האָבן אַ שטיקנדיקע, אַן אופרייצנדיקע און פּאַראַליזירנדיקע ווירקונג, איז אַ זיכערע שוץ דער קעגנגאַז. קעדיי צו באַשיצן זיך אָבער פון די סאַמ=שטאָפן, וואָס ווירקן אַפ דער הויט, מוז מען האָבן ספּעציעלע שוץ=קליידונג.

די שטיקנדיקע ווירקונג פון סאַמ=שטאָפן ווייזט זיך אַרויס דערין, וואָס דער מענטש הייבט אָן ווייטעקלעך הוסטן, דערפילט אַ ווייטעק אין ברוסט, סע ברענט אים אין נאָז און אין האַלדז, סע שטיקט אים, ער ווערט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט. בא אַ שווערער אָפּסאַמונג הוסט מען מיט שוימיקער לייכע, אַמאָל אויך מיט בלוט, עס פאַרהאַקט זיך דער אָטעם, מע ווערט הייזעריק אָדער מע פאַרלירט קלאָל די שטים; די הענט און די פיס ווערן בלאָ און קאַלט; דאָס פּאָנעם באַקומט דעם קאָליר ווי בא בלאָזוכט. עס קאָנען אופלויפן די לונגען און ס'זאָל זיך ענדיקן מיט טויט. טיפּישע שטיקנדיקע סאַמ=שטאָפן זיינען כלאָר און פאָסגען.

די אַלגעמיין=פאַרגיפטנדיקע ווירקונג פון סאַמ=שטאָפן ווייזט זיך אַרויס דערין, וואָס ס'הייבט אָן שווינדלען אין קאָפּ, שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ, דער מענטש ווערט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט, ס'ווערט אים שלעכט, ער ברעכט, ער האָט קאָפּ=שמערצן, ס'ווערט פאַרטונקלט דער באַוווסטזיין. אין שווערע פאַלן פאַרלירט דער מענטש אינגאַנצן דעם באַוווסטזיין, עס האַקט זיך איבער אָדער עס ווערט היפּש אָפּגעשוואַכט דער אָטעם, עס באַווייזן זיך קאָנוווּלסיעס און אַ פּאַראַליטש, וואָס פירט קימאַט מאָמענטאַל צו טויט.

די סאַמ=שטאָפן, וואָס באַזיצן אַזאַ שאַרפע אַלגעמיין=פאַרגיפטנדיקע ווירקונג, דרינגען אַריין אין אָרגאַניזם דורך די אָטעם=וועגן און פאַרגיפטן די נערוון=סיסטעם אָדער דאָס בלוט. צו אַזוינע סאַמ=שטאָפן געהערן ציאַניר=זויערס און קוילנשטאָף=אָקסיד.

די אופרייצנדיקע ווירקונג פון סאַמ=שטאָפן ווייזט זיך אַרויס דערין, וואָס דער מענטש דערפילט, אַז סע ברענט אים, סע דראַפּעט און סע קיצלט אים אין נאָז, אין האַלדז און אין אַנדערע טיילן פון די אייבערשטע אָטעם=וועגן; אָפּט ניסט מען אָן אופהער, פון דער נאָז גייט שליים, מע פילט אַ ווייטעק אין נאָז און אין שלונג, זיי ווערן אופגעשוואָלן, עס רינען טרערן, עס

פּרעסט דער בּרוסטקאַסטנ, עס קומענ קאָפּשמערצנ, א האַלדז=הוסט, צומאָל א נאָגנדיקער ווייטעק אינ די קינבאַקנ, אָנפאַלנ פונ שטיקעניש, מע ברעכט. א טיפּיש סאַם=שטאָפ, וואָס רופט ארויס אזא ארט פאַרסאַמונג, איז אדאַמסיט.

אייניקע אופרייצנדיקע סאַם=שטאָפנ ווירקנ אפ די אויגנ. דער מענטש דערפילט, אז סע שנײַדנ, סע ברענענ אימ די אויגנ=לעפּלעכ, ער קאָנ ניט פאַרלײַדנ קיינ שײַנ, פונ די אויגנ הייבנ אָנ רינענ טרערנ, זיי ווערנ רויט, די לעפּלעכ ווערנ געשוואָלנ, די אויגנ זשמורענ זיכ פונ זיכ אליינ צו. איינס פונ די סאַמע שטאַרקע טרערנ=סאַמענ איז כלאָראַצעטאָפענאָנ.

די הויט=ווירקונג פונ סאַם=שטאָפנ דריקט זיכ צוערשט אויס דעריננ, וואָס דער פאַרגיפטעטער טייל הויט ווערט רויט, דערבײַ פילט מענ אמאָל, אז סע בײַסט אונ סע ברענט. בא גאָר לײַכטע פאַלנ איז מענ דערמיט פּאָטער. בא שווערערע פאַלנ באַווײַזנ זיכ אפ דער הויט בלאָטערס, נאָכדעמ ווונדנ, וואָס פאָדערנ א דויערנדיקע היילונג. אויב עס זײַנענ פאַרוווּנדעט גרויסע שטיקער הויט, קאָנ דאָס פירנ צו טויט.

ווענ די סאַם=שטאָפנ פונ הויט=ווירקונג פאַרגיפטנ די אָטעמ=אָרגאַנענ, זעצט זיכ די שטימ אונ ס'באַווײַזט זיכ א טרוקענער הוסט. אינ שווערע פאַלנ קאָנענ זיכ אנטוויקלענ יאַטערדיקע אָנצינדונגס=פּראָצעסנ אינ מויל, אינ דער קעל, אינ די לונגענ, אונ דאָס קאָנ פירנ צו טויט.

די ווירקונג פונ די דאָזיקע סאַם=שטאָפנ אפ די אויגנ פילט מענ צוערשט דעריננ, וואָס די לעפּלעכ ווערנ רויט אונ אופגעלאָפנ אונ אינ די אויגנ גופע שפּירט מענ אזוי ווי א פרעמדנ קערפּער, א „זעמדל“, זיי קאָנענ ניט פאַרלײַדנ קיינ שײַנ. שפּעטער באַווײַזט זיכ פונ די אויגנ שליימ אונ פליאַגמע, די לעפּלעכ אונ דאָס האָרנהײַטל ווערנ באַשפּרענקלט מיט ווונדנ. אינ באַזונדערס שווערע פאַלנ קאָנ דאָס ברענגענ צו בלינדקײַט.

אויב די סאַם=שטאָפנ פונ הויט=ווירקונג פאַלנ ארײַנ צוזאַמענ מיט שפּײַז אונ וואַסער, וואָס איז פונ זיי אָנגעשטעקט, אינ די פאַרדייונגס=אָרגאַנענ, דערפילט מענ א ווייטעק אינ מאָגנ, מע הייבט אָנ ברעכנ, צומאָל באַווײַזט זיכ א שילשל. אינ שווערע פאַלנ, ווענ די פאַרדיי=אָרגאַנענ ווערנ באַדעקט מיט יאַטערנדיקע ווונדנ, קאָנ דאָס פירנ צו טויט.

כאַראַקטעריסטישע סאַם=שטאָפנ, וואָס ווירקנ אפ דער הויט, זײַנענ איפּריט אונ ליוויזיט.

ערשטע הילף בײַ אַ פֿאַרגיפֿטונג מיט קריגס־סאם

דער קעגנגאַז איז ניט נאָר דאָס וויכטיקסטע מיטל צו באַשיצן זיך פֿון סאם=שטאָפֿן, נאָר אויך אַ מיטל צו געבן ערשטע הילף דעם פֿאַרגיפֿטעטן. די ערשטע אויפֿגאַבע בײַם געבן ערשטע הילף אַ פֿאַרגיפֿטעטן איז אָפּשטעלן די ווײַטערדיקע ווירקונג פֿונעם סאם=שטאָף.

דעריבער אַז מע געפֿינט אַ פֿאַרגיפֿטעטן מיט אַן איבערגעפֿירטן קעגנגאַז אָדער גאָר אָן אַ קעגנגאַז און די לופֿט אַנטהאַלט אין זיך סאם=שטאָף, דאַרף מען פֿריִער פֿאַר אַלץ זען באַוואָרענען בײַם פֿאַרגיפֿטעטן די אָטעם=וועגן, אַז דאָס סאם=שטאָף זאָל מער אויף אים ניט קאָנען ווירקן. מע מוז דרינגענד קריגן פֿאַר אים אַ גאַנצן קעגנגאַז. נעמט אַרויס פֿונעם קעגנגאַז=רענצל די מאַסקע און, פֿאָרזיכטיק אויפֿהייבנדיק דעם פֿאַרגיפֿטעטנס קאָפּ, לייגט אים אַוועק צו זיך אויף די קני. דערנאָך טוט אים אָן אויפֿן פּנים די מאַסקע, אויפֿן זעלבן אופֿן ווי איר וואָלט זי אַליין אָנגעטאָן. בײַם אַריבערטראָגן דעם פֿאַרגיפֿטעטן אויף אַ טראָגבעטל לייגט אַרויף דאָס רענצל מיטן שאַכטל אויף אים, דערבײַ זאָלט איר די גאָפֿרירטע רער אויסציִען אין דער גאַנצער לענג.

אַצינד איז די אויפֿגאַבע אַרויסטראָגן דעם געליטענעם אין דער קעגנזײַטיקער ריכטונג, וואָס איז ניט אָנגעשטעקט. ערשט דאָ מעג מען מען פֿון אים אַראָפּנעמען דעם קעגנגאַז און געבן אים די ווײַטערדיקע הילף.

אויב דער פֿאַרגיפֿטעטער אָטעמט ניט, גיט אים אַ שמעק טאָן נאַשאַטיר=ספּירט (כלאָשעס=טראָפּנס), רײַבט אים פֿונאַנדער די טריט, לייגט אים צו צום האַרצן טיכלעך, אײַנגעטונקטע אין קאַלט וואַסער.

אויב די פֿאַרגיפֿטונג איז געקומען פֿון סאם=שטאָף, וואָס איז געלאָזט געוואָרן אין דער פֿאָרם פֿון גאַז, האַמפּ אָדער נעפּל, דעקט טייקעף איבער דעם געליטענעם מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע.

אין אַלע פֿאַלן דאַרף מען דעם געליטענעם בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט ברענגען אינעם נאָענטסטן פּונקט פֿון דער ערשטער הילף צום דאָקטער.

ווען עס זײַנען פֿון אַ וועלכן=עס=איז סאם=שטאָף אויפֿגערייצט די אויגן, טאָר מען זיי ניט רײַבן אָדער פֿאַרבינדן. דאָס קאָן נאָך ערגער מאַכן. דורכוואַשן די אויגן וועט מען אינעם פּונקט פֿון ערשטער הילף.

ווען די פֿאַרגיפֿטונג דריקט זיך אויס דערין, וואָס ס'איז אויפֿגערייצט דאָס

מויל, מע פילט א ווייטעק אינ מויל, אינ האלדז, דארפ מענ זיי אומבאדינגט דורכשווענקענ מיט פאַשעט וואסער אָדער מיט סאָדע־וואסער.

ווענ די פארגיפטונג איז אינ נאָז־שלונג, דארפ מענ געבנ שמעקנ אונ ארײַנעטעמענ די רעפוע פונ די אמפולעס, וואָס ליגנ אינעמ אינדיווידועלנ אנטיכימישנ פאקעט.

ווענ ס'איז געגעבנ געוואָרנ דער סיגנאל „כימישער אליארמ“ אונ איר האָט באמערקט א מענטשנ אָנ א קעגנגאז, זאָלט איר זענ וואָס גיכער אָנטאָנ אימ א קעגנגאז אונ ברענגענ אימ אפ די הענט אָדער אפ א טראָגבעטל אפנ פונקט פונ ערשטער הילפ. הערט זיכ ניט צו, טאָמער וועט ער אײַכ פרווּנ פארזיכערנ, אז ער פילט זיכ גוט. אזוינע סאמ־שטאָפנ, ווי פאָסגענ, לאָזנ זיכ פילנ ערשט אינ א צײַט ארומ. לאָזט ניט דעמ פארגיפטעטנ אליינ גײנ. דאָס קאָנ נאָכ פארערגערנ זײַנ צושטאנד.

עס קאָנ פאסירנ, אז דער סוויבע זאָל לאָזנ אינ גאנג סאמ־שטאָפנ אונ דער סיגנאל „כימישער אליארמ“ זאָל רעכטצײַטיק ניט געגעבנ ווערנ. אינ אזא פאל שוט אָנ דעמ קעגנגאז, ניט ווארטנדיק אפנ סיגנאל, אונ העלפט דעמ געליטענעמ פונקט אזוי, ווי ווענ דער סיגנאל וואָלט געווענ.

דער מענטש, וואָס איז פארגיפטעט פונ סאמ־שטאָפנ, פילט געוויינלעכ א קעלט אינ לײַב, — מע דארפ אימ וואָס ווארעמער אײַנדעקנ.

אז עס טרעפט אפ דער הויט אָדער אפ די קליידער פליסיקער איפריט, דארפ מענ אימ טייקעפ באזײַטיקנ. מע טאָר דאָ ניט פארזאמענ, ווײַל אניט וועט שוינ ניט מעגלעכ זײַנ צו פארהיטנ דעמ מענטשנ פונ בלאָטערס אונ ווונדנ. אלצ, וואָס איז נייטיק אפ צו באזײַטיקנ איפריט, וועט איר געפינענ אינעמ אינדיווידועלנ אנטיכימישנ פאקעט.

דאָס איז א שאכטל, ווו עס ליגנ 6 קעסטעלעכ, איבערגעצויגענע מיט מארליע אונ וואטע, 3 גלעזערנע אמפולעס, א שטיקעלע מארליע אונ א מעטאלנ שפיזל.

אינ די קעסטעלעכ געפינט זיכ א פליסיקײַט, וועלכע אנטשעדיקט דאָס סאמ־שטאָפ, וואָס ווירקט אפ דער הויט. קעדיי צו באזײַטיקנ אזא סאמ־שטאָפ פונ דער הויט, דארפ מענ איינס פונ די זעקס קעסטעלעכ צעקוועטשנ אָדער דורכשטעכנ מיטנ מעטאלענעמ שפיזל, אונ מיט דער פליסיקײַט, וואָס רינט ארויס פונעמ קעסטעלע, באגיסנ דאָס פארגיפטעטע אָרט. דערנאָכ נעמט איר

פונעם קעסטעלע אראפ די מארליע אונ ווישט דערמיט אויס דאָס אָרט, וואָס איז פארגיפטעט פונעם סאם-שטאָפ. מאָנ דארפ מענ דאָס לײַכט אונ געהיט.

אינ א מינוט אָנדערהאלבנ ארום טריקנט זיכ די מארליע אויס, דאנ צעקוועטשט איר דאָס צווייטע קעסטעלע אונ איר כאזערט איבער דאָס זעלביקע.

ווענ איר האָט צו טאָנ מיט דער הויט פונ געזיכט, היט זיכ, אז די פליסיקײט זאָל ניט ארײַנטריפנ אינ אויג. אויב די קעסטעלעכ פונעם פאקעט זײַנענ אלע אויסגענוצט, דארפ מענ די סאם-טראָפנס, וואָס ווירקנ אפ דער הויט אראָפנעמענ פאָשעט מיט א ריינ טיכעלע. טוט עס פאָרזיכטיק, ניט צעשמירנדיק דאָס סאם-שטאָפ איבער דער הויט.

נאָכדעם דארפ מענ דאָס פארגיפטעטע אָרט דורכוואשנ מיט וואסער אונ זייפ.

די דרײַ גלעזערנע אמפולעס, וואָס געפינענ זיכ אינעם פאקעט, זײַנענ אָנגעפילט מיט א פליסיקײט, וואָס אז מע עטעמט זי אײַנ אָדער מע שמעקט זי, בארויקט זי די אופרייצונג אונ דעם ווייטעק אינ נאָז, אינ שלונג, אינ דער קעל אונ אינ ברוסט.

באנוצנ זיכ מיט די דאָזיקע אמפולעס דארפ מענ אזוי: נאָכ דעם, ווי איר האָט דעם פארגיפטעטנ דורכגעשווענקט דאָס מויל, דורכגעוואשנ מיט וואסער די אויגנ, נעמט אונ צעקוועטשט מיטנ גראָבנ פינגער אונ מיטנ צײַג-פינגער פונ דער רעכטער האנט דעם אייבערשטנ טייל פונ דער אמפולע, וועלכער איז צוגעדעקט מיט א מארליע-קעפל. דערנאָכ בייגט אָנ די אמפולע אזוי, אז די מארליע זאָל זיכ דורכזאפנ מיט דער פליסיקײט, טראָגט אונטער די אמפולע דעם פארגיפטעטנ צו דער נאָז אָדער צום מויל אונ גיט עס אים שמעקנ (אײַנעטעמענ) אינ פארלויפ פונ 1—2 מינוט. אויב די ווייטעקנ שטילנ זיכ ניט אײַנ, נעמט אינ א 5—10 מינוט ארום די צווייטע אמפולע, נאָכדעם די דריטע אונ כאזערט איבער דאָס זעלביקע.

פארגעדענקט! אינ אלע פאלנ, ווענ ס'איז דאָ א כשאד, אז עמעצער איז פארגיפטעט מיט סאם-שטאָפנ, וואָס ווירקנ אפ דער הויט, איז אויב אפילע עס זײַנענ ניטאָ קיינ מאמאָשעסדיקע סימאָנים, מוז מענ העלפנ דעם מענטשנ אונ וואָס גיכער איבערשיקנ אים אפנ דורכוואשונגס-פונקט.

אפילע אויב איר האָט בלויז א כשאד, אז דער מענטש איז פארגיפטעט

פון סאם־שטאָפן, דאַרף מען זיך צו אים באַציִען ווי צו אַ גרויסן כוואַליע. איי־ניקע סאם־שטאָפן (פּאַסגען — אַ שטיקנדיקער סאם, איפּריט — אַ סאם, וואָס ווירקט אויף דער הויט) רופן לעכאַטכילע ניט אַרויס קיין קרענקלעכע סי־מאָנים, אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום לאָזן זיך די דאָזיקע סאם־שטאָפן פילן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס׳ווערט געפערלעך דעם מענטשנס לעבן.

די הילף, וואָס איר גיט דעם געליטענעם, איידער ער קומט אָן צו אַ דאָק־טער, האָט אַ גרויסע באַדייטונג. זי קאָן אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער פאַרגיפטונג אָדער. יעדנפאַלס היפש פאַרקלענערן זי.

באַזונדערס אויפמערקזאַם און פאָרזיכטיק דאַרף מען זיין אין אַזאַ אָרט, וואָס איז באַגאָסן מיט שטאַנדהאַפטיקע סאם־שטאָפן, אָדער ווען ס׳איז נאָר דאָ אַ חשש דערויף.

אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז פאַרגיפטעט מיט שטאַנדהאַפטיקע סאם־שטאָפן, טאָר מען ניט אַראָפּ אָן שוץ־קליידער, וואָס זאָלן אויך אויף זיכער פאַר־היטן פון זייער ווירקונג. זעצט זיך ניט אויף גראָז, אויף דער ערד, רירט ניט אָן קיין שום זאַך, וואָס קאָן אין זיך איינזאַפּן שטאַנדהאַפטיקע סאם־שטאָפן. טרינקט ניט קיין וואַסער פון ניט קיין דורכקאָנטראָלירטע ברונעמס.

ווי אַזוי דאַרף מען אַריבערטראָגן אָדער אַריבערפירן דעם געליטענעם

די פליכט פון דעם מענטשן, וואָס קומט צו הילף דעם געליטענעם, איז אויך זאָרגן זיך וועגן דעם, אַז דער געליטענער זאָל אָפּגעשיקט ווערן, ווען דאָס איז נייטיק, אין מעדיצינישן פונקט. לייכט פאַרגיפטעטע אָדער לייכט פאַרוווּנדעטע קאָנען דורכמאַכן דעם וועג זעלבשטענדיק. ערנסט פאַרוווּנדעטע נייטיקן זיך, מע זאָל זיי באַגלייטן. אַ טייל געליטענע, וואָס קאָנען זיך ניט באַוועגן זעלבשטענדיק, קומט אויס אַריבערטראָגן אויף די הענט אָדער אַרי־בערפירן.

מע דאַרף קענען אויסגעפינען אויף אָרט די מיטלען, מיט וואָס אַריבערצוּ־טראָגן אָדער אַריבערצופירן דעם קראַנקן, און אויב עס איז ניטאָ קיין טראָג־בעטל, דאַרף מען קאָנען אַליין צונויפשלאָגן אַ טראָגבעטל, אויסנוצנדיק דעם מאַטעריאַל, וואָס מאַכט זיך אונטער דער האַנט.

דער געליטענער, ווענ מע טראָגט אימ אָדער מע פירט אימ, דארפ ער זיכ געפינענ אינ א ביז גאָר רויִקנ צושטאנד.

אינ וועג דארפ דער געליטענער זײַנ באשיצט פונ ווינט, פונ רעגנ, פונ קעלט, פונ היצ, פונ פליגנ. באַזונדערס דארפ מענ אכטונג געבנ, אז ווינטערצײַט זאָלנ די פארגיפטעטע אונ פארווונדעטע גוט אײַנגעדעקט ווערנ.

ווענ עס קומט אויס אריבערטראָגנ אָדער אריבערפירנ א שווערנ כוילע אפ א גרויסנ מעהאלעכ, מוז מענ אינ וועג גוט אכטונג געבנ נאָכ אימ, מע דארפ האָבנ מיט זיכ וואסער צומ טרינקענ אונ די נייטיקע רעפועס, דעמ באנדאזשמאטעריאל, טאָמער וועט זיכ ווידער פאָדערנ הילפ.

וויאַזוי אריבערצוטראָגנ אפ די הענט. א קורצע שטרעקע קאָנ דעמ געליטענעמ אריבערטראָגנ אייג מענטש. מע קאָנ דאָס טאָנ אפ פארשיידענע אויפאנימ. מע קאָנ אופהייבנ דעמ געליטענעמ אונ טראָגנ אימ, ארומכאפנדיק אימ מיט אייג האנט פאַר דער פלייצע, מיט דער אנדערער—פאר די היפטנ; דער געליטענער דארפ זיכ דערבײַ אָנהאלטנ מיט די הענט פארנ האלדז פונ דעמ מענטשנ, וואָס טראָגט אימ.

א צווייטער אויפנ: דער מענטש, וואָס העלפט דעמ געליטענעמ, נעמט אימ אפ די פלייצעס, דער געליטענער כאפט אימ דערבײַ ארומ פאר דער ברוסט, אונ יענער האלט אונטער דעמ געליטענעמ פאר די לענדנ.

א געליטענעמ, וואָס האָט פארלאָרנ דעמ באוווסטזײַנ, דארפ מענ ארופלייגנ מיטנ בויכ אפנ רעכטנ אקסל. זײַנ קאָפ דארפ דערבײַ אראָפהענגענ אפנ רוקנ פונ דעמ מענטשנ, וואָס טראָגט אימ, אונ די פיס—אפ יענעמס ברוסט. מיט דער רעכטער האנט דארפ מענ צודריקנ דעמ קראנקנס פיס צו זיכ, אונ מיט דער לינקער — צוהאלטנ אימ פאר דער רעכטער האנט.

אויב דעמ געליטענעמ טראָגנ אריבער צווי מענטשנ, דאנ האלט אייגער אימ אונטער פארנ רוקנ אונ פאר די היפטנ, אונ דער צווייטער לייגט ארונטער די הענט אונטער זײַנע קני. דער קראנקער כאפט דערבײַ ארומ מיט ביידע הענט דעמ האלדז פונעמ מענטשנ, וואָס טראָגט אימ.

מע קאָנ אויכ מאכנ אזוי, אז דער קראנקער זאָל אריבערגעטראָגנ ווערנ זיצנדיק. צוליב דעמ דארפנ די מענטשנ, וואָס טראָגנ אימ, איבערקרייצנ צווי, דרײַ אָדער פיר הענט אונ אפ דעמ דאָזיקנ „בענקעלע“ אוועקזעצנ דעמ קראנקנ.

וויאַזוי אריבערצוטראָגן אַפ א טראָגבעטל. באַקוועמער פאַר אַלץ איז אָבער אריבערצוטראָגן דעם געליטענעם אַפ א טראָגבעטל.

ווען עס קומט אויס צו טראָגן א גרויסן מעהאַלעך און קיין טראַנספּאָרט איז ניטאָ, איז בעסער, עס זאָלן זײַן פיר טרעגער. פיר טרעגער בײַ איין טראָגבעטל בילדן א טראָג-רינג מיט אַן עלטסטן.

בײַ אַלערליי פאַרוואונדונגען דאַרפ מען דעם קראַנקן ארופלייגן אַפן בעטל, אײַנלייגן און אראָפּנעמען אַזוי, מע זאָל אים וואָס ווייניקער באַאומרויקן. דערצו פאָדערט זיך פּינקטלעכקײַט און קאָנטאַקטירטקײַט אין די באַוועגונגען פון די טרעגער אונטער דער קאָמאַנדע פונעם עלטסטן. דאָס טראָגבעטל שטעלט מען אַוועק זײַט בײַ זײַט מיטן געליטענעם, און פון דער אַנדערער זײַט שטעלן זיך אַוועק דרײַ טרעגער. בײַ דער קאָמאַנדע „נעמ" לייגט ארונטער איינער פון די טרעגער זײַנע הענט דעם קראַנקן אונטערן נאַקן און אונטער די לאָפּעטקעס, דער אַנדערער — אונטער דער טאַליע און אונטער די היפטן, דער דריטער — אונטער די לענדן און שינביינער.

בײַ דער קאָמאַנדע „הייב אופ" הייבן זיי גלײַכצײַטיק דעם געליטענעם אופ, און בײַ דער קאָמאַנדע „לאָז אראָפּ" לייגן זיי גלײַכצײַטיק אַוועק דעם געליטענעם אַפן טראָגבעטל, וואָס דער עלטסטער רוקט בייסמײַסע צו צו די טרעגערס פיס. ווען בײַם קראַנקן זײַנען פאַרוואונדעט אָדער אָפּגעבריט די הינטערשטע טיילן קערפּער, דאַרפ מען אים לייגן אַפ א זײַט, און אין איניקע פאַלן — אַפן בויך.

די קלאָלים פון אריבערטראָגן

דאָס טראָגבעטל דאַרפ מען אופהייבן און אראָפּלאָזן גלײַכצײַטיק, לויט א קאָמאַנדע.

דאָס טראָגבעטל זאָל זיך ניט ארומוויגן פון איין זײַט אין דער אַנדערער, דאַרפן די טרעגער גיין אין פוס.

טראָגן דעם געליטענעם דאַרפ מען געוויינלעך מיט די פיס פאָרויס.

בארג-ארופ אָדער אַפ טרעפ דאַרפן די טרעגער אויסקערעווען דעם קראַנקן מיטן קאָפ פאָרויס, און די הינטערשטע טרעגער דאַרפן ארופלייגן די הענטלעך

פונעמ טראָגבעטל צו זיכ אפ די אקסל, קעדיי דאָס טראָגבעטל זאָל ניט זײַנ אָנגעבויגנ.

בארג=אראָפ אָדער אראָפ טרעפ דארפנ די פאָדערשטע טרעגער נעמענ אפ די אקסל די הענטלעכ פונעמ טראָגבעטל.

ווי אזוי צו לעשנ צינד־באָמבעס אונ סרייפעס

מילכאָמע דראָעט מיט סרייפעס. דערמאָנט זיכ די מיטיילונגענ, וואָס איר לייענט אינ די צײַטונגענ: איבער דער אונ דער שטאָט זײַנענ אראָפגעוואָרפנ געוואָרנ צינד=באָמבעס. פונ די סרייפעס, וואָס זײַנענ אויסגעבראָכנ, זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ אזויפיל וווינונגס=הײַזער אונ אונטערנעמונגס=לאָקאלנ. צוויי טעג האָבנ געפלאקערט די רוינעג פונעמ לאָנדאָנער סיטי — דער צענטער פונעמ געשעפטלעכנ לעבנ פונ דער ענגלישער הויפטשטאָט. פאר איינ נאכט האָבנ די ענגלישע אעראָפלאנענ אראָפגעוואָרפנ 20 טויזנט צינד=באָמבעס אפ ברעמענ — איינע פונ די גרעסטע פאָרט=שטעט פונ דײַטשלאנד. גאנצ אָפט לייענענ מיר: „דער פײַער=אָפשײַנ פונ די אויסגעבראָכענע סרייפעס זעט זיכ אפ א מעהאלעכ פונ 70 מײַל, 80 מײַל, 100 מײַל“, וואָס דאָס באַטרעפט 112, 128, 160 קילאָמעטער!

דער לופט=סוינע טראָגט מיט זיכ די געפאר, עס זאָלנ אויסברעכנ פיל צענדליקער, הונדערטער אונ אפילע טויזנטער פײַער=נעסטנ, ווײַל די צינד=באָמבעס, וואָס וועלנ געוואָרפנ ווערנ פונ אעראָפלאנענ, וועלנ אָנטרעפנ אינ די הונדערטער אונ טויזנטער. די אופגאבע איז, מע זאָל באצײַטנס אָנעמענ מיטלענ צו לעשנ די פײַער=נעסטנ, ניט לאָזנ זיי פאנאנדערוואקסנ זיכ.

פארלעשנ א צינד=באָמבע אינ דער ערשטער רעגע נאָכ דעמ, ווי זי פאלט, איז ניט קיינ שווערע זאכ, דאָס קאָנ יעדער מענטש, אויב ער ווייסט, מיט וואָס אונ ווי אזוי מע דארפ אזא באָמבע לעשנ. אויב אָבער מע זאָל די צינד=באָמבע צו דער צײַט ניט פארלעשנ, קאָנ אויסברעכנ א סרייפע, קעגנ וועלכער ס'איז שוינ זייער שווער צו קעמפנ. אפ צו לעשנ די סרייפע וועט מענ שוינ מוזנ צוציִענ א גרויסע צאָל מענטשנ. אָט פארוואָס שטענדיק, ווענ פונ א צינד=באָמבע אָדער פונ אנ אנדער סיבע ברעכט אויס א סרייפע, דארפ מענ האנדלענ שנעל, דרייסט אונ ריכטיק.

דאָס גרונט=מיטל צו לעשנ סרייפעס איז וואסער. אלס באהילפיקע מיטלענ קאָנ דינענ טרוקענער זאמד, ערד אונ ליימ. אלזאָ, קעדיי צו קענענ גיכ פארלעשנ א סרייפע, דארפ מענ, אז דאָרט, ווּ די סרייפע=געפאר איז אמגרעסטנ, זאָלנ שטענדיק זײַנ די דאָזיקע מיטלענ.

ווּ איז די סרייפע=געפאר אמגרעסטנ? פריִער פאר אלצ, פארשטייט זיכ, אפ די בוידעמס אונ אינ די לאָקאלנ פונ די אייבערשטע שטאָקנ. אפ די בוידעמס, אינ די אייבערשטע שטאָקנ, אפ די טרעפ דארפנ זיכ שטענדיק געפינענ פעסער אונ אנדערע רעזערוואַרנ מיט וואסער, קאסטנס אונ קלומקעס זאמד.

קליינע צינד=באָמבעס פונ 1—2,5 קילאָגראמ, אז זיי שלאָגנ דורכ דעמ דאכ, פאלנ זיי אפנ איבערבעט פונעמ בוידעמ אונ בלײַבנ דאָרט שטעקנ. גרעסערע באָמבעס פונ 10—25 קילאָגראמ קאָנענ דורכשלאָגנ דעמ דאכ, דעמ בוידעמ אונ פאלנ אפנ דיל פונ די אייבערשטע שטאָקנ.

דורכשלאָגנדיק דעמ בוידעמ אונ די אייבערשטע שטאָקנ, לאָזט די באָמבע נאָכ זיכ איבער א קופע ברוכשטיקער פונ באלקעס אונ ברעטער, וואָס קאָנענ זיכ לײַכט אָנצינדנ אונ ארויסרופנ א גרויסע סרייפע.

אָט פארוואָס, ווענ מע נעמט לעשנ די צינד=באָמבעס, דארפ מענ גלײַכצײַטיק לעשנ די זאכנ, וואָס האָבנ זיכ שוינ באוויזנ אָנצינדנ. אויב עס פעלנ קרעפטנ אונ מיטלענ צומ לעשנ, דארפ מענ פריִער פאר אלצ לעשנ מיט וואסער די אָנגעצונדענע זאכנ.

לאָזנדיק דעמ שטראָמ וואסער אפ די ברענענדיקע זאכנ, שלאָגט איר מעכאניש אראָפ פונ זיי דעמ פלאמ, אונ אָנעצנדיק דאָס ברענענדיקע האָלצ, לעשט איר עס ביסלעכווײַז אויס. דער דאמפ, וואָס באקומט זיכ באמ לעשנ מיט וואסער, איזאָלירט די ברענענדיקע זאכנ פונעמ זויערשטאָפ אינ דער לופט, וואָס איז נייטיק צומ ברענענ.

קעדיי עס זאָל זיכ אויסבילדנ דאמפ, זעט, אז דער שטראָמ וואסער זאָל זײַנ ווי ווײַט מעגלעכ שטארקער. מיט וואסער קאָנ מענ אויכ לעשנ צינד=באָמבעס, אויסנוצנדיק דערצו א האנט=פאָמפע.

מע טאָר בעשום אויפנ ניט לעשנ מיט וואסער קיינ ברענענדיקע פליסיקײַטנ — קעראָסינ, בענזינ אדג., וואָס דאָס ספעציפישע געוויכט זייערס איז קלענער פונעמ ספעציפישנ געוויכט פונ וואסער. זײַענדיק גרינגער פונ וואסער,

וועלנ די דאָזיקע פּליסיקײטנ ארויסשווימענ און ברענענ ווײטער אונטערנ שטראָם וואסער. מיט וואסער טאָר מענ אויכ ניט לעשנ קײנ ברענענדיקנ עלעקטרישנ שנור, מאכמעס וואסער לאָזט דורכ גוט עלעקטרע, און איר קאָנט געשעדיקט ווערנ פונעם עלעקטרישנ שטראָם.

בעסער פאר אלצ איז צו לעשנ די באָמבעס מיט זאמד. דער זאמד וועט אָבער נאָר צושטיקנ דעם פלאם, איזאָלירנדיק די סרייפע-נעסט פונ א צופלוס פונ זויערשטאָפ.

געדענקט דעריבער! — לעשנ די צינד-באָמבעס מיט זאמד איז נאָר א צײטװײליק מיטל. זאמד, ערד — ניט מער זיי לאָזנ ניט דאָס פײער פאר-שפרייטנ זיכ, אָבער ליקווידירנ דאָס פײער קאָנענ זיי ניט.

אויב איר האָט צו טאָנ מיט קלײנע צינד-באָמבעס (1—5 קילאָגראם), לעשט זיי מיט זאמד, ערד, מיט טרוקענער צעמאָלענער ליים, מיט שלאק און אש. פארשיט, פארוואַרפט די סרייפע-נעסטנ מיט זאמד, מיט ערד. גרעסערע צינד-באָמבעס, וואָס וועגנ ביז 10 קילאָגראם, פארוואַרפט מיט קלומעקעס, מיט זעקלעכ זאמד פונ א 5—8 קילאָגראם.

קעדיי ענדגילטיק צו ליקווידירנ די סרייפע-נעסטנ, נעמט אוועק דעם זאמד צוזאמענ מיט די רעשטלעכ צינד-שטאָפנ פונ בוידעמ אינ א זיכער אָרט אפנ הויפ; דאָרט פארענדיקט זיי לעשנ.

צינד-באָמבעס ביז א 10 קילאָגראם נעמט אוועק פונעם לאָקאל, וווהינ זיי זײנענ ארײנגעפאלנ, מיט גראָב-אײזנס, מיט צוועגגלעכ, מיט ווילעס. נעמט אָנ די באָמבע מיט א שמידער-צוועגגל אָדער מיט א ווילע און וואַרפט זי ארויס דורכנ פענצטער אינ דרויסנ אָדער אינ הויפ. אויב ס'זײנענ ניטאָ קײנ צוועגגל אָדער קײנ ווילע, רוקט ארונטער אונטער דער באָמבע א גראָב-אײזנ אָדער א סאָוואָק מיט א לאנג העגטל און וואַרפט זי ארויס דורכנ פענצטער.

אינ בײדע פאלנ זאָלט איר דעם קאָפּ פונ דער באָמבע האלטנ ניט צו זיכ, נאָר פונ זיכ. היט זיכ, אז דער אָנגעגליטער מעטאל זאָל אפ אײכ ניט א שפריצ טאָנ.

אינ אויסלאנד ווערנ אינ קאמפ קעגנ די צינד-באָמבעס שטארק פראקטי-קירט הילצערנע שילדנ 1,5 מעטער די הײכ און 1 מעטער די ברײט. אזא שילד גיט א מעגלעכקײט זײער נאָענט צוגײנ צו דער ברענענדיקער צינד-באָמבע

און, באהאלטנדיק זיכ הינטער איר, לעשנ די באָמבע מיט זעקלעכ זאמד, זײַענדיק דערבײַ באשיצט פונ די צעגליטע טײלכלעכ פונ די צינד=שטאָפנ.

קעדײ די אָנגעגליטע טײלכלעכ פונ די צינד=שטאָפנ זאָלנ ניט צעשעדיקנ די אויגנ אונ די הויט, טומ מענ אָנ א קעגנגאז.



דער פײַערלעש־אפּאראט „באָגאטיר“ אינ דער ארבעט

אינ אלע פאלנ, ווענ מע לעשט די צינד=באָמבעס, דארפ מענ זײער זאָרגזאמ צונויפקלײַבנ אלע רעשטלעכ פונ די צינד=שטאָפנ אינ א טרוקענעמ עמער זאמד אָדער ארויסטראָגנ זײ מיט א מעטאלענעמ גראָב=אײַזנ, מיט א סאָוואָק אונ אומבאדינגט פארגראָבנ אינ דער ערד.

אויב עס גיט זיכ ניט אײַנ צו ליקווידירנ די צינד=באָמבע, אײדער עס ברעכט אויס די סרײפע, דארפ מענ לעשנ די סרײפע מיט געווײנלעכע מיטלענ: מיט וואסער, מיט פײַערלעשער=באלאָנענ. פריִער פאר אלצ לעשט די ווענט אונ די באלקעס, קעדײ ניט צו דערלאָזנ, אז זײ זאָלנ אומפאלנ. ווענ עס ברעכט אויס א סרײפע אינ א דירע, לעשט פריִער פאר אלצ די ארויסגענג אונ די קאָרידאָרנ, קעדײ זײ זאָלנ זײַנ אויסער געפאר אונ איר זאָלט האָבנ א מעגלעכקײַט צו באוועגנ זיכ דורכ זײ אונ דורכדרינגענ אינ אלע דערבײַיִקע לאָקאלנ, וווּ עס קאָנענ זיכ באווײַזנ סרײפע=נעסטנ.

לעשנ דאָס פײַער דארפ מענ, אויב ס'איז נאָר מעגלעכ, אנטקעגנ דער ריכטונג, וווּהינ דאָס פײַער גײט, זיכערנדיק דערמיט, אז די באצירקנ, וואָס דאָס פײַער האָט נאָכ ניט פארכאפט, זאָלנ בלײַבנ אויסער דער געפאר. מע טאָר בעשומ אופנ ניט לעשנ דאָס פײַער אינ דער זעלבער ריכטונג, וווּהינ סע פארשפרײט זיכ.

באמ לעשנ א סרײפע אינ הויז טאָר מענ ניט דערלאָזנ, אז צומ אָרט פונ דער סרײפע זאָל צופליסנ אונ אוואדע ניט עס זאָל זיכ פארשטארקנ דער צופלוס פונ פרישער לופט, ווײַל דאָס קאָנ נאָר פארשטארקנ דאָס פײַער.

ווען עס קומט אויס צו לעשן אין א לאָקאַל, וואָס איז פול מיט רויך, דאַרף מען זיך באַוועגן צום פייער אָנגעבויגענערהייט, קימאַט ווי פויזענדיק, ווייל פון אונטן איז דאָ שטענדיק ווייניקער רויך. קעדיי צו פאַרהיטן אייערע באַוויירים אָדער זיך אַליין פון אַן אומגליק באַם אַריינקומען אין א פאַרוויי־בערטן לאָקאַל, ווערט רעקאָמענדירט צוצובינדן צום גאַרטל א שטריק, און דעם צווייטן עק שטריק זאָל עמעצער, וואָס שטייט אין דרויסן, צוהאַלטן. האַבנדיק די שטריק, ווערט איר גיך קאָנען געפינען דעם אַרויסגאַנג צוריק, אויב איר וועט זיך אַראָפּשלאָגן פון וועג. און טאָמער וועט מיטן מענטשן, וואָס געפינט זיך אין רויך, טרעפן עפּעס אַן אַנדער אומגליק, וועט מען אים מיט דער הילף פון דער זעלבער שטריק קאָנען געפינען.

ביים א סרייפע, באַזונדערס ווען ס'טרעפט באַנאַכט, קאָנען אין דער ברע־נענדיקער געביידע פאַרבלייבן מענטשן. זוכן זיי דאַרף מען אָנהייבן פון יענע לאָקאַלן, ווו עס זיינען פאַראַן פענצטער און טרעפ. קינדער זוכט אונטער די בעטן, אונטער די טישן און אפילו אין די שאַפעס, ווייל האָרט באַהאַלטן זיי זיך געוויינלעך אויס.

געפינט איר אינעם ברענענדיקן, פאַררייכערטן לאָקאַל מענטשן, טראָגט זיי טייקעף אַרויס אַף דער פרישער לופט, גייענדיק אַף צוריקוועגס דורך די טרעפ פון יענער זייט, ווו דאָס פייער האָט נאָך ניט דערגרייכט, אָדער אַראָפּ־לאָזנדיק זיך זייער פאָרזיכטיק דורך די דרויסנדיקע פייערלעשער־לייטערס. באַ־נוצן זיך מיט רעטונגס־שטריק דאַרף מען דאַן, ווען עס איז שוין קיין אַנדער ברירה ניטאָ.

קעדיי אַרויסצוטראָגן א מענטשן, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין, קערט אים איבער מיטן פּנים אַראָפּ און שטעלט אים אַוועק צווערשט אַף די קני, דערנאָך אין דער גאַנצער לענג. האַלטנדיק אים מיט דער לינקער האַנט פאַרן רוקן, נעמט אים אָן באַ דער לינקער האַנט, בייגט זיך אָן און וואַרפט אים אַרויף צו זיך אַף דער פּלייצע אַזוי, אַז זיין ברוסט זאָל ליגן אַף אייער רעכטן אַקסל, און דער בויך — אַפן לינקן.

אויב אַף די טרעפ איז שוין אויך פול מיט רויך, עפנט אויף די פענצטער און גלייכצייטיק פאַרמאַכט די טירן פון די ברענענדיקע דירעס.

אויב אינעם ברענענדיקן לאָקאַל אָדער אַרום אים איז דאָ א פייערלעשער־קראַן, דאַרף מען זיך מיט אים אומבאַדינגט באַנוצן. דער קראַן שטעלט מיט

זיכ פאָר אנ אָפּצווײַגונג פונ די וואסערלייטונג=רערנ, ער האָט א שלאָם=ווענ=טיל אונ א מוטערקע אפּ צו פאַרייניקנ די קישקע מיטנ שטאָם.

באַנוצנ זיכ מיטנ קראַנ איז ניט שווער. אײַנ מענטש דאַרפ אָנעמענ דעם שטאָם און גײַנ נעענטער צום פײַער. דער צווייטער טוט א דריי דעם ווענטיל אונ לאָזט וואסער אינ קישקע אַרײַנ, באמיט זיכ צוצוגיינ וואָס נעענטער צו דער פײַער=נעסט און זעצט האָס וואסער גלײַכ אינ דער פײַער=נעסט אַרײַנ. וואָס נעענטער איר וועט צוגיינ צום פלאַם, אלצ גיכער וועט זיכ אײַנ=געבנ אַראָפּצוזעצנ אים. געדענקט: דאָס איינציק ריכטיקע מיטל צו ליקווידירנ די סרייפע איז — אַראָפּשלאָגנ דעם פלאַם מיט א שטראָם וואסער פונ אויבנ איבער דער זאַכ, וואָס ברענט!

ווי=אזוי צו ליקווידירנ די פאָלגנ פונ אוואריעס

די פוגאַס=באָמבעס, בײַם זיי רײַסנ זיכ אופּ, טוענ זיי אָנ כורבוינעס, רופנ ארויס אוואריעס פונ דער וואסערלייטונג, פונ דער עלעקטרע=נעצ, פונ דער גאַזלייטונג.

איר פארשטייט זייער גוט, אז ווענ עס זאָל בלײַבנ צעשטערט די וואסער= אונ גאַז=לייטונג אָדער די עלעקטרע=נעצ, איז דאָס א גרויסע געפאַר.

אז כ'איז צעשעדיקט די וואסערלייטונג, האָט איר ניט דעם אויקער, מיט וואָס מע קאָנ פארלעשנ א סרייפע, כוצ דעם בלײַבט די באַפעלקערונג פונעם ראַיאָנ אָנ וואסער. ווענ דער סוינע ווענדט נאָכ דערבײַ אָנ כימישע מיטלענ, וועלנ איבערנ מאַנגל אינ וואסער ניט קאָנענ אַרבעטנ די דורכוואַשונגס=פונקטנ. אָט פארוואָס די צעשעדיקונגענ פונ דער וואסערלייטונג דאַרפנ ליקווידירט ווערנ אינעם סאַמע קורצנ טערמינ.

ווענ עס ווערט צעשעדיקט א וואסערלייטונג=רער, דאַרפ מענ פריִער פאַר אלצ אויסשליסנ דעם צעשעדיקטנ טייל פונ דער וואסערלייטונג=נעצ פונעם הויז. צוליב דעם דאַרפ מענ פארמאַכנ דעם שלאָס=קראַנ באַם וואסער=מעסטער. אויב ס'איז ניטאָ קיינ שלאָס=קראַנ, קאָנ מענ דעם צעשעדיקטנ עק פונ דער וואסער= לייטונג=רער פארשלאָגנ. מאַכנ דאַרפ מענ עס זיכער, פעסט, אנדערש וועט דער שפּונט ארויסגעשטויסנ ווערנ דורכנ דרוק פונעם וואסער.

אויב מע טאָר ניט אָפּשטעלנ די וואסער=צירקולירונג, מע לעשט, לאָמיר

זאָגן, אין דער נאָענט א סרייפע, — דאַרף מען פאַרייניקן די עקן פון די רערן כאָטש אפן איינפאַכסטן אויפן, צום בײַשפּיל, מיט דער הילף פון א פּײַערלעשער־קישקע אָדער פון א וועלכער־עס־איז אנדערער וואסער־קישקע.

די עקן פון דער קישקע זאָלט איר אָנציִען אף די עקן פון דער וואסער־לייטונג־רער. אַן ערעך אף א 40 סאַנטימעטער און שטײַף אַרומציִען מיט דראָט.

אויב אין דער וואסערלייטונג־רער איז דאָ בלויז א קליין שפּעלטל, דאַרף מען עס טייקעף פאַריכטן. וויקלט אַרום דאָס צעשעדיקטע אָרט מיט עטלעכע שיכטן איזאָליאַציע־סטענגע, נאָכדעם לייגט אַרוף אפן שפּאַלט א שטיקל בלעך און פעסטיקט עס צו.

ווען עס זײַנען צעשעדיקט די גאַז־רערן, זאָלט איר פּרוּווער פאַר אַלץ אָנעמען באַוואָרענונגס־מיטלען. דורך די גאַז־רערן גייט לויכט־גאַז. איר ווייסט אים דערפילן אין דער לופט לויט זײַן ספּעציפישן אומאָנגענעמען ריח. געדענקט, אז דער לויכט־גאַז איז זייער געפערלעך, סײַ ווײַל ער קאָן זיך לײַכט אָנצינדן, סײַ ווײַל ער איז גיפטיק.

בײַ אַן אַוואַריע פון די גאַז־רערן זאָלט איר טייקעף צומאַכן דעם גאַז־קראַן פונעם צעשעדיקטן טייל.

ווען איר טרעט צו צו ליקווידירן די צעשעדיקונג פון דער עלעקטרישער נעץ, זאָלט איר גוט געדענקען, אז די עלעקטרע־לייטונג פון נידעריקער שפּאַנונג (ביז 250 וואָלט און ביז 500 וואָלט באַשטענדיקן שטראָם) קאָן אוועקהאַרגענען א מענטשן אָדער ערנסט צעקאַליעטשען אים. אָט פאַרוואָס מע דאַרף בײַ אַלע פאַלן, ווען עס איז צעשעדיקט די עלעקטרישע נעץ, אָנהייבן פון אויסשליסן טייקעף דעם שטראָם.

ווען עס ברענט דער עלעקטרישער שנור, זאָלט איר אים לעשן מיט טרוקענעם זאַמד, אָדער גאָר בעסער — מיט א פּראָשעקשטראָמיקן פּײַערלעשער־באַלאָן. ווען דער עלעקטרישער שטראָם איז אויסגעשלאָסן, מעגט איר לעשן מיט א געוויינלעכן פּײַערלעשער־באַלאָן אָדער מיט וואסער.

מיר ווייסן פון א סאַך בײַשפּילן, ווי די פוגאַס־באָמבעס האָבן, טרעפנדיק אין א געבײַדע, דורכגעשלאָגן פינף—זעקס באַלקעס צווישן די שטאָקן, ווי עס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן טיילן פון גרויסע וווינונגס־געבײַדעס, ווי עס זײַנען אײַנגעפאַלן פעסטע ווענט. די וואַלגער־קופּעס פאַרשווערן די באַוועַ־

גונג איבער די גאסנ, פארשווערִיקנ די באוועגונג פונ די פײַערלעשער=טײלנ, פונעם טראנספּאָרט, פונ די רעמאָנט=גרופּעס, פונ די דעגאזיר=אָטריאדנ, פונ די סאניטאר=מאשינעס. די צעשעדיקטע געבײַדעס זײַנענ ערשט א סאקאָנע, ווײַל זיי קאָנענ ווײַטער אומפאלנ. דעריבער דארפ מענ די וואלגער=קופּעס ליקווידירנ ווי ווײַט מעגלעכ גיכער. די גרונט=אופגאבע איז — מאכנ אזוי, אז די פוסגייער אונ דעריקער דער טראנספּאָרט זאָלנ האָבנ די מעגלעכקײַט אָנ סאקאָנע צו באוועגנ זיכ. אופראמענ די קופּעס קומט אויס דעריקער מיט די הענט, ווײַל צווישנ די רוינעס קאָנענ זיכ געפינענ מענטשנ. צו דער דאָזיקער ארבעט וועלנ צוגעצויגנ ווערנ אלע ארבעטפייִקע בירגער.

די ארבעט פונ אופראמענ די וואלגער=קופּעס דארפ זייער זאָרגזאם אָרגאניזירט ווערנ. עס מוזנ אָנגענומענ ווערנ אלע באוואָרענונגס=מיטלענ אפ אָפּצוהיטנ די מענטשנ, וואָס ארבעטנ ארום די צעשעדיקטע הײַזער, פונ מעגלעכע אומוואלגערונגענ פונ די צעשעדיקטע געבײַדעס.

ווער זשע וועט אָנפירנ מיטנ ליקווידירנ די אלע צעשעדיקונגענ אינ הויז? דער שעפ פונ „פּוואָ“ איבערנ הויז. דער כויוו פונ יעדנ בירגער איז אקטיוו צו באטייליקנ זיכ אינ דער דאָזיקער ארבעט, ארויסווײַזנ א מוסטער פונ דיסציפּלינירטקײַט, אָרגאניזירטקײַט, אונ ווענ ס׳וועט נייטיק זײַנ — אויכ פונ מעסירעסנעפעש. אלע אײַנוווינער פונעם הויז דארפנ אונ וועלנ ארבעטנ אפ צו ליקווידירנ וואָס שנעלער די געפאר. זיי וועלנ ניט זײַנ אײנזאם אינ דער דאָזיקער ארבעט. צו הילפ די זעלבשוץ=גרופּעס וועט דער ראט פונ די דעפּוטאטנ פונ די ארבעטנדיקע ארויסשיקנ קוואליפיצירטע ספּעציאליסטנ: פײַערלעשער, כימיקער, רעמאָנט=ארבעטער.

ווי דארפ מענ זיכ באגיינ מיט באָמבעס, וואָס האָבנ זיכ ניט אופגעריסנ

כוץ געוויינלעכע פוגאס=באָמבעס קאָנ נאָכ דער לופט=סוינע באנוצנ באָמבעס פונ פארלאנגזאמטער ווירקונג, וואָס רײַסנ זיכ אופ ניט בײַם זיי פאלנ, נאָר א סאכ שפּעטער. עס קאָנ נאָכ אויכ טרעפנ, אז אייניקע ארָאָפּגעוואָרפענע באָמבעס זאָלנ איבער דער אָדער יענער סיבע זיכ אינגאנצנ ניט אופרײַסנ.

אינ ביידע פאלנ האָט קיינער פונ דער באפעלקערונג קיינ רעכט ניט צוצוגיינ צו די דאָזיקע באָמבעס, ווייל עס קאָנ טרעפנ, זיי זאָלנ זיכ מיטאמאָל אופרייסנ. יעדער איינער, וואָס געפינט זיכ ניט ווייט פונעמ אָרט, ווו ס'איז געפאלנ ניט קיינ אופגעריסענע באָמבע, מוז טייקעפ דאָס דאָזיקע אָרט פארלאָזנ.

זעלבשוצ־גרופעס

אינ יעדנ הויז אינ שטאָט, אינ יעדנ קאָלווירט אינ דאָרפ, אונ אינ דער ערשטער ריי אינ די גרענעצ־געביטנ, דארפנ געשאפנ ווערנ זעלבשוצ־גרופעס, וואָס ווערנ קאָמפלעקטירט פונ צווישנ דער אָרטיקער באפעלקערונג. די גרונט־אופגאבע זייערע איז — העלפנ דעמ שעפ פונ „פוואָ" איבערנ הויז אינ שטאָט אָדער דעמ שעפ פונ „פוואָ" אינ קאָלווירט צוצוגרייטנ יעדעס הויז, יעדער קאָלווירט אונ זייער באפעלקערונג צו לופט־שוצ. די דאָזיקע גרופע קומט צו הילפ דער באפעלקערונג, העלפט ליקווידירנ די פאָלגנ פונעמ לופט־אָנפאלי.

די זעלבשוצ־גרופע פאָרמירט זיכ אויס פרייוויליק. עס גייענ אינ איר ארייננ 4—6 ריגענ, צו 5—10 אונ אמאָל מער מענטשנ אינ א ריג. בעראָש פונ דער גרופע שטייט איר שעפ, וואָס האָט דורכגעמאכט א ספעציעלע לער. די זעלבע לער דארפנ אויכ דורכמאכנ די קאָמאנדירנ פונ אלע ריגענ.

קעדיי זי זאָל אָבער זיינ קאמפספייִק מילכאָמע־צייט, דארפ די גרופע פיל אונ אקשאָנעסדיק ארבעטנ איצט, הייִנט, יעדנ טאָג!

אדאנק דער קלוגער פאָליטיק פונ אונדזער פארטיי אונ איר פירער כאווער סטאלינ האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק אינ מעשעכ פונ אָנדערהאלבנ יאָר אויסגעמיטנ דאָס פייער פונ דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אָבער לעצטנס האָט דער בלוטיקער פאשיזמ אָנגעבונדנ אונדז א מילכאָמע. אונ די אופגאבנ, וועלכע עס קומט אויס צו לייזנ די זעלבשוצ־גרופעס, זיינענ אופגאבנ פונ גרויסער מעלוכישער באדייטונג. אָט פארוואָס איר דארפט ארייננטרעטנ אינ די זעלבשוצ־גרופעס אונ אקשאָנעסדיק איבנ זיכ, לערנענ זיכ. אָט פארוואָס עס איז נייטיק אונ נוצלעכ דורכצופירנ פראָבע־לימודימ פונ „פוואָ" אינ הויז, אינ קאָלווירט, צוערשט אינ באשטאנד פונ דער גרופע, דערנאָכ מיטנ אָנטייל פונ

דער גאנצער ציווילער באפעלקערונג פונעמ אָביעקט, וואָס די גרופע באדינט. די דאָזיקע לימודימ דארפנ דורכגעפירט ווערנ אפ פארשיידענע טעמעס. וואָס ווײַטער, דארפנ די טעמעס ווערנ אלצ קאָמפליצירטער.

אָנהייבנ דארפ מענ די פראקטישע לימודימ פונ דורכפירנ ליכט=מאסקירונג אינ הויז, אָנווענדנדיק דערבײַ די אײַנגעשטעלטע אופירונגס=קלאָלימ. ווײַטער קאָנ מענ דורכפירנ א לימעד פונ פײַערלעשער=שוצ פונעמ הויז, א לימעד פונ כימישער שוצ, א לימעד, וויאזוי צו קעמפנ מיט צעשעדיקונגענ אונ אומוואלגערונגענ פונ געבײַדעס.

אז די לער פונ דער גרופע וועט גיינ גוט, וועט מענ קאָנענ דורכפירנ א לימעד, וויאזוי צו קעמפנ מיט א קאָמפליצירטנ אוואריע=נעסט, דאָס הייסט, ווענ א טייל הויז איז גלײַכצײַטיק צעשעדיקט אי דורכ פוגאס=באָמבעס אי דורכ צינד=באָמבעס.

א לופט=אָנפאל קאָנ פאָרקומענ באטאָג, אינ אָוונט, באנאכט, ווינטער, זומער, אינ רעגנ אונ אינ שניי. אינ די זעלבע באדינגונגענ דארפנ פאָרקומענ די לימודימ פונ דער גרופע. באזוערט איבער איינ אונ די זעלבע טעמע עטלעכע מאָל. מוז מענ זיכ דערשלאָגנ, אז די ארבעט פונ אלע רינגענ צוזאמענגענומענע זאָל גיינ ווי עס באדארפ צו זײַנ. קאָנטאקט אינ דער ארבעט איז א רעזולטאט פונ דויערנדיקער סקרופוליעזער לערע, אונ מע דארפ דערפאר ניט מוירע האָבנ.

ווייס ווי צו דערקענענ דעמ לופט־סוינע

די דערפארונג פונ דער איצטיקער מילכאָמע באווײַזט, אז די אעראָפלאנענ פונ די מילכאָמע=האלטנדיקע לענדער שטרעבנ אלעמאָל ארײַנצודרינגענ אפ דער טעריטאָריע פונ זייערע קעגנער אינ די סאמע פארוואָרפנסטע ווײַסטע ערטער, דאָרט, וווּ עס זײַנענ, לויט זייערע יעדיִעס, ניטאָ קיינ טיילנ פונ לופט=שוצ. זיי פליִענ באנאכט אָדער העכער די וואָלקנס, אלעמאָל זייער הויכ, קעדיי עס זאָל זיי זײַנ שווערער צו באמערקנ.

ארײַנדרינגענדיק טיפ אינ הינטערלאנד פונעמ קעגנער, זעצנ ארויס די אעראָפלאנענ אונ אפילע די פלאנערנ דיווערסאנטישע גרופעס אונ גאנצע דעסאנטנ פונ מיליטער=טיילנ.

קעדיי ניט צו דערלאָזנ, אַז דער פֿיַנט זאָל קאָנענ דורכפֿירנ אַזוינע אָפּעראַציעס אַפֿ אונדזער טעריטאָריע, דאַרפֿ יעדער בירגער מיט אַלע מיטלענ העלפֿנ די טיילנ פֿונ דער רויטער אַרמיי אונ די אָרטיקע אָרגאַנענ פֿונ דער ראַטנמאַכט צו אָרגאַניזירנ די לופֿט=באַוואַכונג אונ דעמ קאַמפּ קעגנ דעמ לופֿט=סוינע.

קוידעמקאָל דאַרפֿ מענ אָרגאַניזירנ די לופֿט=באַוואַכונג אונ וועגנ אַלע באַמערקטע פֿאַרדעכטיקע אַעראָפּלאַנענ טייקעפּ צו וויסנ געבנ די אָרטיקע מאַכט=אָרגאַנענ. אויב אינ יעדנ באַפֿעלקערטנ פּונקט פֿונ אונדזער לאַנד, אינ יעדנ אַפֿילע וויַטנ הויז, וואָס ליגט אינ וואַלד, אינ יעדנ הויז פֿונ אַ וועג=וועכטער אַפֿ אונדזערע אײַזנבאַנ=מאַגיסטראַלנ וועט אָרגאַניזירט ווערנ אַ קעסיידערדיקע באַוואַכונג נאָכ די באַמערקטע אַעראָפּלאַנענ, איז ווו עס וועלנ זיכ נאָר באַוויַזנ די פֿיַנטלעכע אַעראָפּלאַנענ אָדער פֿלאַנערנ, ווו זיי וועלנ נאָר פּרוּווּנ אַרויסזעצנ אַ דעסאַנט אונ אַראָפּוואַרפֿנ פֿאַראַשיוטיסטנ, — אומעטומ וועט מענ זיי זיכער אונ שנעל כאַפּנ.

ווו דאַרפֿ מענ צו וויסנ געבנ וועגנ די באַמערקטע אַעראָפּלאַנענ? דאָרט, ווו עס זיַנענ פֿאַראַנ מיליטערישע אָדער ציווילע פּאָסטנס פֿונ לופֿט=באַוואַכונג, אינפֿאָרמאַציע אונ פֿאַרבינדונג (וונאָס), טיילט מיט וועגנ די פֿאַרדעכטיקע אַעראָפּלאַנענ די האָזיקע פּאָסטנס. דאָרט, ווו קיינ פּאָסטנס זיַנענ ניטאָ, טיילט מיט אינ דער נאָענטסטער פֿאַרבינדונג=אָפּטיילונג, וועלכע וועט איבערגעבנ איַער אינפֿאָרמאַציע וווהינ מע דאַרפֿ, אָדער גיט צו וויסנ די נאָענטסטע אָרגאַנענ פֿונ דער אָרטיקער מאַכט.

אינ די פֿאַלנ, ווענ די פֿיַנטלעכע אַעראָפּלאַנענ אָדער פֿלאַנערנ זעצנ אַרויס דיווערסאַנטנ אָדער אַ דעסאַנט, העלפֿט אַקטיוו די אָרטיקע מאַכט=אָרגאַנענ פֿאַרהאַלטנ די דיווערסאַנטנ אָדער קעמפֿנ קעגנ דעמ דעסאַנט.

מילכאָמע=ציַט קומענ אייניקע פֿיַנטלעכע אַעראָפּלאַנענ צו פֿליִענ אינ טיפֿנ הינטערלאַנד אַפֿ אויסשפּירונג, אַפֿ צו באַקומענ אינפֿאָרמאַציעס פֿונ זייערע אַגענטנ, וועלכע באַהאַלטנ זיכ אוימ אַפֿ אונדזער טעריטאָריע, זיי קאָנענ אויכ פּרוּווּנ אַראָפּוואַרפֿנ פּאַקעטנ פֿאַר די האָזיקע אַגענטנ. נאָכ אַזוינע אַעראָפּלאַנענ קוקט נאָכ באַזונדערס אויפֿמערקזאַמ, אונ די פּערזאָנענ, וואָס הייבנ אופֿ די אַראָפּגעוואָרפֿענע פּאַקעטנ אָדער וואָס גיבנ סיגנאַלנ דעמ פֿיַנטלעכנ אַעראָפּלאַנ, פֿאַרהאַלט טייקעפּ אונ גיט איבער די מאַכט=אָרגאַנענ.

זײַט גרייט צו לופט־שוץ!

קעדיי זײַנ גרייט צו לופט־שוץ, צו כימישער שוץ מילכאָמע־צײַט, באַדארפ מענ זיכ גרייטנ איצט, טייקעף.

ווייסט, ווי מע דארפ זיכ אופירנ אינ די באַדינגונגענ פונ לופט־שוץ. ווייסט ווי צו געבנ ערשטע הילפ באַ א פארווונדונג אָדער א פארגיפטונג. לערנט זיכ ארופלייגנ א באַנדאַזש, שינעס, אָפשטעלנ א בלוט־שטורץ; ווייסט, ווו ס'וועט זיכ געפינענ דער נאָענטסטער סאַניטאַר־פונקט, די נאָענטסטע באָמבע־באַהעלטעניש.

גיט אכטונג, אז אינ יעדער דירע, אינ יעדנ הויז זאָלנ זײַנ די אײַנפאַכסטע מיטלענ פונ לעשנ סרייפעס: עמערס פאר וואסער, א קעסטל מיט זאמד, לאָפעטעס, גראָב־אײַזנס. די קאָרידאָרנ, די דורכגענג, די טרעפ, די בוידעמס באַפרײַט פונ בעבעכעס, וואָס קאָנענ ברענענ.

א באַזונדער אכט זאָלט איר אָפגעבנ דער ליכט־מאַסקירונג! ניט־פארטונקלטע ליכט־קוואלנ זײַנענ פארנ סוינע א זעבארער ציל. פאר די פענצטער גרייט צו שטאָרנ, וואָס לאָזנ ניט דורכ קיינ שײַנ, פאסט זיי צו צו די פענצטער.

דערלערנט אלײנ אונ העלפט אנדערע צו דערלערנענ די סיגנאלנ „לופט־אליארמ („Воздушная тревога“), „כימישער אליארמ“ („Химическая тревога“) „דער אליארמ איז געענדיקט“ („Отбой“) אונ וואָס מע דארפ טאָנ, ווענ מע דערהערט די דאָזיקע סיגנאלנ.

גיט אָפ די נאָרמעס „גרייט צו פוכאָ“ פונ דער 1־טער שטופע. זײַט הייסע אגיטאטאָרנ פאר דעמ, אז אלע בירגער, וואָס לעבנ מיט אײַכ אינ איינ דירע, אינ איינ הויז, זאָלנ זיכ אויכ צוגרייטנ אָפצוגעבנ די דאָזיקע נאָרמעס.

קעדיי צו פארפעסטיקנ אײַערע קענטענישנ אונ געווינשאפטנ, זאָלט איר אקטיוו אָנטיילנעמענ אינ די לימודימ פונ „פוואָ“. די פראקטישע לימודימ זײַנענ די בעסטע פאָרמ פונ צוגרייטנ זיכ צו לופט־שוץ אונ כימישער שוץ.

פונעמ מאָמענט אָנ, ווענ עס ווערט דערקלערט באַדראָאונגס־צושטאנד, דארפט איר אלײנ זײַנ אינ פולשטענדיקער גרייטקײַט אונ אכטונג געבנ, אז עס זאָלנ גרייט זײַנ אלע, וואָס רינגלענ אײַכ ארומ. היט אָפ די גייטיקע אופירונגס־קלאָלימ. איר זאָלט באַ זיכ שטענדיק האָבנ א קעגנגאז, א באַנדאַזש־

פאקעט און אנ אנטיכימישנ פאקעט. אויב איר זײַט א מיטגליד פונ א זעלבשוץ-גרופע אָדער פונ א „פוואָ“-קאָמאנדע, זאָלט איר גרייט זײַנ יעדע מינוט לויטנ סיגנאל „לופט-אליארמ“ זיכ מעלדנ אפ אײַער זאמלפונקט. האלט די ראדיאָ-הויכריידער אײַנגעשלאָסנ: דורכ דער ראדיאָטראנסלירונג-נעצ וועלנ איבערגעגעבנ ווערנ די פאראָרדענונגענ פונ „פוואָ“.

אינ אָוונט, אָנצינדנדיק שײַנ, זאָלט איר גוט פארהענגענ די פענצטער, א קוק טאָנ פונ דרויסנ, צי ס'דרינגט ניט דורכ קייג שײַנ.

גרייט צו וואסער אינ די עמערס, אינ דער וואנע, אינ פארשיידענע געפעס. דאָס וואסער קאָנ צוניצ קומענ אפ לעשנ א סרייפע. וואסער צומ טרינקענ זאָלט איר האלטנ אינ א צוגעדעקט געפעס און יעדנ טאָג בײַטנ.

געדענקט! — יעדעס הויז דארפ זײַנ אבסאָליוט גרייט צו באשיצנ זיכ פונ א לופט-כימישנ אָנפאל און צו ליקווידירנ די פאָלגנ פונ דעמ דאָזיקנ אָנפאל.

ווענ עס ווערט געגעבנ דער סיגנאל „לופט-אליארמ“, בלײַבט רויק, פארלירט זיכ ניט, זײַט דיסציפלינירט אלײנ, פאָדערט דאָס זעלבע פונ אנדערע. אויב דער סיגנאל וועט אײַכ טרעפנ אינ גאס, כאפט זיכ ארײַנ אינ דער נאָענטסטער באהעלטעניש. ברענגט אינ צושטאנד „האלט גרייט“ אײַער פערזענלעכנ קעגנגאז.

אויב איר זײַט א מיטגליד פונ א זעלבשוץ-גרופע אָדער פונ א „פוואָ“-קאָמאנדע, מעלדעט זיכ טייקעפ אפ אײַער זאמל-פונקט.

ווענ איר פארבלײַבט בא זיכ אינ דירע, מאכט צו שטײַפ אלע דרויסנדיקע פענצטער און טירנ, גייט צו זיי ניט צו נאָענט. דעקט גוט איבער דעמ רעזערוו טרינק-וואסער און די שפײַז.

איר זאָלט טייקעפ אופהערנ צו הייצנ די אויוונס און פליטעס, פארלעשט דאָס פײַער, שליסט אויס די גאז-קראנענ, לעשט אויס די פרימוסנ אד"ג.

נאָכאמאָל קאָנטראָלירט דורכ די ליכט-מאסקירונג, שליסט טייקעפ אויס די גאנצע איבעריקע באלײַכטונג.

שיקט אָפ אינ דער באהעלטעניש אלע אײַנוווינער און גייט אלײנ אויכ ארײַנ אהינ.

ווענ איר געפינט זיכ אָבער אויסער דער באהעלטעניש און איר דערהערט דעמ סיגנאל „כימישער אליארמ“, זאָלט איר שנעל און זאָרגזאמ אָנטאָנ דעמ

קעגנגאז אינ א „שלאכט-צושטאנד“. טוט אים ניט אויס אָנ דער דערלויבעניש פונ די „פוואָ“-דעזשורנע.

ווענ איר געפינט זיכ אינ באהעלטעניש, זאָלט איר מיט אייער מוסטערהאפטער אויפירונג געבנ א ביישפיל אלע אנדערע. לאָזט ניט ארייננגיינ אָדער ארויסגיינ פונ דער באהעלטעניש אָנ דער דערלויבעניש פונעמ קאָמענדאנט.

אויב איר זייט פארבליבנ אויסער דער באהעלטעניש, קומט צו הילפ מיט וואָס איר קאָנט נאָר די אָרטיקע „פוואָ“-קאָמאנדעס אונ די זעלבשוץ-גרופעס באמ ליקווידירנ די פאָלגנ פונעמ לופט-אָנפאל. העלפט די באוויירימ פאנאנדערצוראמענ וואלגער-קופעס, לעשנ סרייפעס, אריבערטראָגנ געליטענע — דאָס איז דער כויוו פונ יעדנ בירגער.

אראָפנעמענ דעמ קעגנגאז, אופעפענענ די טירנ זאָלט איר בלויז נאָכ דעמ, ווי ס'וועט געגעבנ דער סיגנאל „דער אליארמ איז געענדיקט“. גייט ניט ארויס אינ דרויסנ אָנ דער אָנווייזונג פונעמ „פוואָ“-דעזשורנע.

באוויירימ!

די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ.

דערלערנט די לופט-שוץ אונ כימישע שוץ! ווייסט, וואָס מע דארפ טאָנ, קעדיי צו ליקווידירנ די פאָלגנ פונ א לופט-אָנפאל! ווייסט ווי זיכ צו פארטיידיקנ פונעמ לופט-סוינע!

Б. Ф. Трамм. Учись обороняться от воздушного врага. На еврейском языке. Редактор перевода *М. Шнайдер*. Подписано к печати 4/VII 1941 г. А—40.483 Тираж 10.000. 4 п. л. 70,4 тыс. зн. в 1 п. л. 3 уч. изд. п. л. Цена 40 коп.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР треста «Полиграфкнига» Москва, Шлюзовая наб., 10. Зак. 395.